ספר

# גזירות ת"ח ות"ט

## אין אידיש

דאָס דאָזיגע ספר'ל איז געווען געדרוקט אין ווילנא, תרכ"ג, נאָר היינט איז דאָס אַ יקר המציאות. אין דעם ספר'ל קען מען זען די שרעקלעכע גזירות אין יענע יאָרן פון שנת ת"ח ות"ט, בערך אַ 300 הונדערט יאָר צוריק, און עס זענען דעמאָלט אומגעקומען על קידוש השם קרוב צו אַ האַלבן מיליאָן אידן אין די קהלות פון אוקריינע, וואָלין, פאָדאָליע און ליטע. צווישן זיי זענען געווען פיל גאונים, חסידים, קדושי עליון, חכמים און סופרים.

על אלה אני בוכיה — עיני עיני יורדה מים!

●

---

יצא לאור ע"י

הרב אשר אנשיל קרויז

פק"ק ראצפערט, אבדק"ק בוענאס-איירעס יצ"ו

כעת חונה פה בברוקלין יע"א

שנת יזכרם אלהינו לטובה-ינקום דמם לפ"ק.

וויליאַמסבורג תשכ"א

# פארווארט

מיר, וועלכע לעבן אין דעם איצטיגן דור, זענען פון די, וועלכע האבן געליטן פון די גרעסטע צרות, פיין אוןליידן, זייט דאס אידישע פאלק עקזיסטירט, איינער מער איינער ווייניגער, אבער איך מיין, אז צווישן די אלע אידן וועלכע האבן געלעבט אין יוראפ בשעת די לעצטע וועלט מלחמה פון תרצ״ט ביז תש״ה, געפינט זיך, נישט איינער פון זיי, ווער עס זאל נישט האבן איבערגעלעבט שווערע מאמענטן פון שרעק, יסורים און צרות, און דאס רוב פון זיי זענען נאר דורך גרויסע ניסים ניצול געווארן פון די רשעים׳ס הענט און געבליבן לעבן.

און אפילו די אלע אידן וועלכע האבן זיך געפונען אין אנדערע טיילן פון דער גרויסער וועלט, האבן אויך געליטן פון דעם גרויסן קלאפ וואס דאס אידישע פאלק האט באקומען במשך די עטלעכע יארן. ערשטנס, האבן כמעט אלע געהאט די נאנטסטע און די טייערסטע פון די משפחה, צווישן די אלע וועלכע זענען אומגעקומען על קידוש השם, איינער עלטערן, איינער קינדער אדער ברידער, שוועסטער און אנדערע משפחה מיטגלידער. ווען אפילו דאס נישט, ווי האט אים נישט וויי געטאן דאס אומקום פון א דריטל טייל פון אידישן פאלק, בערך 6 מיליאן אידן, צווישן זיי גרויסע צדיקים קדושים וטהורים, וועלכע האבן זיך ממש מוסר נפש געווען על קדושת שמו יתברך.

אבער נאך דעם אלעם, דארפן מיר אבער קיינמאל נישט פארגעסן דאס וואס עס האט זיך אפגעטאן מיט אונז אידן, מיט בערך 300 יארן צוריק, אין שנת ת״ח ות״ט, וואס קרוב צו א האלבן מיליאן אידן זענען אומגעקומען מיט די שרעקלעכסטע מיתות משונות על קידוש השם, אזוי ווי עס ווערט באשריבן אין דעם ספר „גזירות ת״ח ות״ט״. עס איז געווארן איבער געזעצט אויף אידיש פון לשון הקודש, וואס עס האט דעמאלט גלייך נאכ׳ן חורבן באשריבן אין שנת תי״ג, דער איש אמת וצדיק תמים רבי נתן נטע הנובר, ווי עס שטייט אין די הקדמה פון איבער זעצער, אז עס האט אויף דעם גרויסן חורבן אנגעשריבן קינות און סליחות אויף צו זאגן עס אין כ׳ סיון, דער גרויסער גאון ות״ח רבי שבתי כהן, בארימט אלס דער ש״ך, און די סליחות זענען טאקע אפגעדרוקט אין די גרויסע סידורים. עס איז אויך דא באזונדער אין א בראשור, סליחות לכ׳ סיון.

דעמאלט אויף דעם חורבן פון א האלבן מיליאן קדושים, האט דער גרויסער גאון בעל הש״ך פארשטאנען אפצושרייבן א סליחות וקינות וועגן דעם שרעקלעכן חורבן און וועגן דעם אומקום פון קרוב צו א האלבן מיליאן אידן, כדי די אלע דורות אויף ווייטער

זאָלן עס שטענדיג געדענקען. איז מיר גאָר אַ גרויסער וואונדער וואָס עס זאָלן נישט אויפשטיין די גאונים וגדולים פון איצטיגן דור און צוזאַמענשטעלן אַ מין סליחות וקינות וועגן די אַלע שוידערלעכע פּאַסירונגען און הריגות פון אונזערע 6 מיליאָן קדושים, און אַזוי פיל טויזנטער ערלעכע שטעט וואָס זענען חרוב געוואָרן מיט זייערע רביים און גאַנצע קהלות וועלכע האָבן אַזוי שיין געבליט און כמעט קיין זכר נישט געבליבן פון זיי.

איך וועל נאָר ברענגען דאָ אַ משל פון מיין געבורט־שטאָט ראַצפערט, כמעט אַלע ערלעכע אידן אין גרויס אונגאַרן האָבן געהערט פון דעם שטעטל וואָס איז געווען באַוואוסט מיט אירע רביים, וועלכע האָבן זיך דאָרט געפונען. קודם מיט בערך אַ 60־70 יאָרן צוריק, האָט געוואוינט דאָרט דער באַוואוסטער רבי הצדיק המפורסם רבי הערצקעלע זילבערמאַן, תלמיד פון מיין זיידן, הגאון המפורסם בעל „מנוחת אשר״ טשענגערער רבי זצ״ל. דיין ומו״צ איז דעמאלט געווען דאָרט מיין זיידע הגה״צ מוה״ר נתנאל׳ע פריעד זצ״ל, און לעצטענס איז עס געווען אַ מקום וואו הונדערטער און טויזנטער חסידים זענען געקומען אַהין צו פאָרן אויף די שבתים וימנ״ר צו דעם גרויסן צדיק רבי שלום אליעזר האַלבערשטאַם הי״ד (וועלכער איז אויך אומגעקומען אין די קאַלך־אויוונס פון אוישוויץ) זון פון דעם הייליגן סאַנזער רבין זי״ע. אין די יאָרן פון פריערדיקער וועלט־מלחמה האָט זיך אויפגעהאַלטן דאָרט דער אַלטער בעלזער רבי זי״ע, וואָס טויזנטער חסידים האָבן געשטראָמט אַהין פון אַלע עקן אונגאַרן און פון אַרום דער מדינה.

דאָס שטעטל ראַצפערט איז געווען באַוואוסט מיט אירע ערלעכע און איבערהויפּט, מיט אירע חסידישע פאַמיליעס. אין די שבתים האָט דאָס גאַנצע שטעטל געהאַט אַן אַנדער אויסזען, מער ווי אַנדערע שטעט פון אונגאַרן, מיט די חסידישע לבושים, חוץ די גרויסע שול און אַנדערע בתי תפלות איז דאָס גרויסע ביהמ״ד פון רבין ר׳ שלום אליעזר הי״ד געווען פול מיט מתפללים. דאָס ערשטע מקום קבוע דאָרט לעבן ארון הקודש האָט געהאַט מיין זיידע הצדיק החסיד ר׳ ישראל דוב שטיין הי״ד, וועלכער האָט נישט געוואָלט נעמען אויף זיך דעם עול הרבנות. ער האָט אויך אַלעמאָל באַקומען דאָרט „חתן בראשית״ אין שמחת תורה, און דער צדיק רבי שלום אליעזר הי״ד האָט געהאַט חתן תורה. ער איז געווען אַלע יאָרן ראש־הקהל פון דעם שטעטל ראַצפערט, וואָס ער האָט עס איבער גענומען בירושה פון זיין שווער דאָרט, הצדיק החסיד ר׳ מאיר פרענקל ז״ל, וועלכער איז געווען דער זון פון הצדיק הקדוש המפורסם רבי שמואל קאָמאדער זצ״ל.

און מיין טאַטע ז״ל איידער ער איז געוואָרן אויפגענומען אַלס רב אין אודוואַרי, האָט ער געוואוינט אין ראַצפערט, און אַלע פאַר־טאָג אין 3 אַזייגער איז ער שוין געזעסן און געלערנט מיט דעם זון

פון צדיק רבי שלום אליעזר הי״ד, רבי זושא׳לע הי״ד. און דאָס גרויסע בית המדרש פון קהל איז פון 3 פאַרטאָג ביז שפּעט ביי־נאַכט פול געווען מיט אידן לומדי תורה. חוץ דעם, האָבן די ראַצ־פערטער חדרים געהאַט אַ גוטן נאָמען, סיי מיט די גרויסע צאָל חסידישע קינדער, סיי מיט די גוטע מלמדים.

דאָס איז נאָר אַ קליינער אָפּשפּיגלונג פון דעם שטעטל ראַצפערט. וואָס אין עטלעכע ביכער וואָלט מען עס נישט געקאָנט באַשרייבן. און בעוה״ר, פון די קרוב צו 1000 אידישע משפּחות וואָס ראַצפערט האָט פאַרמאָגט (אַ טייל פון זיי געוואוינט לעצטנס אין אַנדערע שטעט) איז קיין מנין חסידישע משפּחות נישט געבליבן פון זיי, בלויז גע־ציילטע, וועלכע זענען דורך אויסערגעוועגלעכע ניסים געבליבן לעבן.

כמעט דאָס זעלבע האָט איך פּאַסירט מיט אַנדערע צענדליגער הונדערטער שטעט אין אונגאַרן און אַזוי אין אַנדערע לענדער. נו, פאַרוואָס זאָלן די אמת׳ע רבנישע קערפּערשאַפטן זיך נישט אַריינ־טראַכטן אין דעם און מאַכן אַ זכרון פאַר זיי אין אַ ספר מוסר והתעוררות פאַר אונז אַליין, איבערהויפּט, פאַר די שפּעטערע דורות אויף ווייטער, אַזוי ווי די סליחות און קינות וואָס אונזערע חכמים ז״ל האָבן געמאַכט אויף אַלע צייטן. זאָל מען שטענדיג געדענקען דעם תמחה את זכר עמלק מתחת השמים, עמלק שבכל דור ודור. אפילו עס זענען שוין געוואָרן אַרויסגעגעבן אין די הונדערטער ספרים און ביכער וועגן דעם אַלעם, אָבער עס וואָלט געווען צו דערוואַרטן אויך אַ מין סליחות וקינות פון די צדיקי ומנהיגי הדור, וואָס מען זאָל עס אָננעמען צו זאָגן בכל תפוצות הארץ. עס מוז נישט זיין דוקא אין כ׳ סיון, דאָס איז אַן אַנדער חורבן און דאָס לעצטע איז אַן אַנדערע, אָבער פון דעם כ׳ סיון סליחות טאָר מען זיך אויך נישט פאַרגעסן, און אַודאי נישט פון דעם לעצטן גרויסן חורבן.

המו״ל הרב א. א. קרויז
בן להרב הגאון מאודוואַרי זצ״ל
ונכד להצה״ק מטשענגער־ודאָרעג זי״ע

איסור השגת גבול ידוע
All Rights Reserved
by the Publisher
כל הזכיות שמורים להמו״ל
Copyright 1960

הכתובת של המו״ל:
RABBI A. KRAUSZ
136 RUTLEDGE STREET
BROOKLYN 11, N. Y.
EV 7-1593

# הקדמה

מִי יִתֵּן רֹאשִׁי מַיִם וְעֵינִי מְקוֹר דִּמְעָה,
וְאֶבְכֶּה יוֹמָם וָלַיְלָה אֵת חַלְלֵי בַת עַמִּי:

(ירמיה ח)

**אמר המקונן בנשאו נהי וקינה על עם ה׳ בנפלם בחרב ובלכתם גולה בבלה**

ירמיהו הנביא וואס ווערט אנגערופען מקונן (דאס הייסט דער קלאגער) ווייל ער האט געשריבען די הייליגע קלאג לידער אויף חורבן ירושלים דאס איז די איכות, האט געקלאגט און געוויינט אויף די יודען וואס זיינען אויסגעפאלען דורך דעם שווערד גייענדיג אין גלות בבל. און עס ווארין איהם זיינע איכות וויינ̇יג און זיין געמיט האט זיך נאך מיט דעם ניט געשטילט און האט נאך געוואלט דאס זיין קאפף זאל ווערען אין ברונען וואסער און זיינע ביידע אויגען זאלען ווערען אין קוואל טרערען דאס ער זאל קענען רעכט געננג באוויינען די דערשלאגענע פון זיין פאלק טאג און נאכט. נון איז שוין אונז לייכט צוא פארשטיין דאס מיר זיינען נאך ניט יוצא מיט די ביסעל סליחות און מיט די איינציגע קינות וואס עס האט געמאכט אויף די גזירה פון ת״ח הרב הגאון הגדול רבי שבתי כהן וואס ווערען געזאגט אין כמה וכמה קהלות אום כ׳ סיון, דען עס זיינען דענסטמאל אומגעקומען אויף קדוש השם פיר מאל הונדערט טויזענט יהודים לויטער צדיקים. עס ווארען אונטער זייא אויך גרויסע גאונים און חסידים וואס האבען ניט געלאזען זייער גלייבען בתורה וביראה ובחסידות. און ווען אויך נאר איין צדיק שטארבט און ווערט ניט נספד וויא דער דין איז זוכט דער בורא אויף זיין כבוד וויא אונזערע חכמים ז״ל זאגען דאס איין בארג האט געוואלט

די

דיא ישראל פאר שיטען פאר וואס זיא האבען זיך געפוילט מספיד
צוא זיין יהושע וויא געהעריג אונ דאס דרייא יאהר וואר הונגער
אין ארץ ישראל אין דיא צייטען פון דוד ווייל מען האט ניט באוויינט
גענוג שאול המלך מיט זיין זון יהונתן, אזויא וויא עס שטייט אין
מועד קטן. מכל שכן אז דער בורא ברוך הוא איז מקפיד ווען מען
באוויינט ניט וויא געהעריג איז אזויא אפילע מענשען וואס זיינען
אומגעקומען אויף קדוש השם דורך דיא העגד פון דיא ריקים.

לכן דרום האב איך געפונען פאר איין גרויסען רעכט מעתיק
צוא זיין דיא געשיכטע פון לשון קודש אויף טייטש כדי יעדער
מענש זאל עס קענען לייענען אונ פארשטיין אונ זאל מיט זיינע
טרערען אונ קרעכצען באצאלען זיין היילינגען חוב צוא דיא קדושים
וואס זיינען נהרג געווארען אין דיא גזרה פון ת"ח מיט מתות משונות
וויא עס ווערט דא אלץ ריכטיג דערציילט. דען דער מחבר וואס האט
געשריבען דיזען ספר אין להק וואס הייסט רבי נתן נטע הנובר
וואר איין איש אמת האטשי ניט קיין נביא וויא ירמיהו הנביא
אבער דאך איין גרויסער צדיק אונ האט דיא גזרה מיט זיינע
אויגען געזעהען אונ וואס ער האט געשריבען איז ריכטיג אונ
אמת. ער האט דיזען ספר באלד נאך דער גזרה אבגעדרוקט אין
ווינעציע בשנת תי"ג אונ אלע גרויסע לייט וואס האבען דעמאלט
מיט איהם געלעבט אין יענער צייט האבען אויף איהם מסכים
געוועזען דאס ער איז ריכטיג געשריבען. איך גלויב דאס איהר ווערט
דיזע בלעטער מיט טרערען באנעסען. אונ ווערט אויך דען גרויסען
פרייז וויסען וואס אונזערע עלטערען האבען פאר אונזער דת
געגעבען. קיין געלט קיין גאלד קיין בורלאנטען נאר דאס לעבען.
נון ווערט איהר שוין וויסען וויא טייער צוא האלטען דיא סחורה
דאס הייסט אונזער דת אונזער תורה. אויך ווערט איהר דער פון
וויסען אונזער גרויסען יחוס דאס אונזערע עלטערען וואָרען פיל
גרעסער אלס מענשען, דען מע' קען לייענען אויף זייא דעם פסוק

גבורי

(גבורי כח עושי דברו) דאס הייסט נאטעס איינגלען גרויסע העלדען ערפילען זיינע ווערטער · אונ איהר וועט אייך פרייען דאס איהר זייט קינדער פון היילינע עלטערען, דאס הייסט דאס דוא איין אידעש קינד ביסט :

והנה ספרים רבים עשו חיל והוא עולה על כולם אונ דעריבער איז מיר ערלויבט צוא זאגען ווען אויך זייער פיל מוסר ספרים וואס זיינען איבער געזעצט געווארען אין טייטש האבען געווירקט אויף אונזער עולם, זיינען זיא דאך ניט אין פערגלייך צוא דיזען קליינעם ספר וואס אין איהם ווערט בעשריבען גזירת ת״ח. ווייל יענע מוסר ספרים שרייבען נור וויא מען זאל זיין פרום אונ אין דיזען ספר שטייט אבער וויא מען וואר באמת אונ בפועל פרום. אונ יעדער מאנכפארשוין אונ יעדעס ווייבספארשוין קען דא געפינען פאר זיך איין שיינעם ביישפיל. דער רייכער מאן וועט דא לעזען, דאס נבירים האבען אוועק געווארפען זייערע עשירות אום נור אידען צוא בלייבען, אונ האבען זיך אוועק געשלעפט אין פרעמדע לענדער צוא בעטלען. דער געמיינער ארעמער מאן קען לערנען דער פון וויא מקיים צוא זיין דעם פסוק (ואהבת את ה׳ אלהיך בכל לבבך ובכל נפשך). פאטער אונ מוטער ווערען דא געפינען צוא לייענען וויא טאטעס אונ מאמעס האבען זייערע קינדער געשטאכען דער מיט דיא ריקים זאלען זיא ניט מעביר זיין אויף זייער דת. שיינע בתולות האבען דא אויך פאר זיך שיינע ביישפילען פון טייערע בתולות וואס עס האבען זיא געוואלט נעמען פאר ווייבער גרויסע שרים אונ זיא האבען זיך בעסער אריין געווארפען אין וואסער אום צוא קומען אויף יענעם עולם אונבאפלעקט. אונ ביא אלעם דיזען האבען זיא אויף זיך מצדיק הדין געווען אונ האבען אויף זיך געלייענט דעם פסוק (וה׳ חפץ דכאו החלי אם תשים אשם נפשו יראה זרע יאריך ימים וחפץ ה׳ בידו יצלח) דאס הייסט דאס גאט האט איין וואויל געפאלען אונז יהודים צוא מאטערען דער מיט מיר זאלען זיך שולדיג ערקענען אונ דורך

דעם

דעם ווערען מיר אונז גלייך זיך פערמעהרען אונ גאטעס תורה וועט

דיא מקובלים שרייבען אז דיא גזירה פון המן איז נדחה געווארען אויף דעם יאהר ת״ח, אונ דאס איז מרומז אין מגילות אסתר, דען דיא צווייא אותיות פון ת״ח איז גרויס געשריבען אין דיא ווערטער ותכתוב אסתר אונ אין חור כרפס

# גזירת ת״ח ות״ט

ויהי בשנת חמשת אלפים שמ״ה לבריאת העולם אונ עס וואר אין דעם יאהר פינף טויזענד דרייא הונדערט פינף אונ פערציג פון בריאת העולם, איז געווארען איין קעניג אין דער מדינה פון פוילין זיגמונד וואס ער וואר אויך דער קעניג פון שווידען אונ אין דעם יאהר שנ״ב האט ער גענומען פאר אווייב דיא מיוחסת (אננא) וואס זיא וואר דיא טאכטער פון זיין ברודער (רודאלף), וואס ער וואר קייזער פון דייטשלאנד. בימיו איז זיינע צייטען האט זיך אנגעהויבען צושטארקען אין דאס לאנד פון פוילין דיא אמונה פון (פאפסט) וואס איז אין רוים, דאס הייסט קאטוילישער גלויבען. דען אין דיא פריהעריגע צייטען וואס ווארען פאר דעם קעניג האבען אלע גרעסטע שרים אונ דוכסים געגלויבט נאר אין גריכישען גלויבען. נון האט דער זיגמונד אנגעהויבען גרויס צומאכען נאר יענע שרים וואס האבען אנגענומען דעם קאטוילישען גלויבען. אונ האט אראפגעווארפען יענע וואס זיינען געבליבען בייא זייער אלטען גריכישען גלויבען (דען אין יענער צייט וואר מען דא ניט אזויא געדולד, וויא אין אונזערע צייטען וואס דיא לאנד געהער שוין צוא דער רוסישע רעגירונג וואס זיא מאכט קיין אונטערשייד צווישען איהרע איינוואוינער צוא ליב דעם אונטערשייד פון זייער גלויבען אונ עס מעג זיך אין איהר דער דינגען יעדער מענש פון וואס פאר איין גלויבען ער איז צוא גריכעס צוא קאטוליש זעלבסט פון אידעשען גלויבען נאך דיא נייע געזעצע אונ באקומט אצין צוא וועלכען ער איז נאר ווערט). אונ צוא ליב דעם זיינען געווארען דיא גרעסטע שרים קאטוליש אונ דיא וואס האבען זיך דערהאלטען בייא זייער אלטען גלויבען זיינען געווארען אונטערטעניג בייא דיא פריצים פון קאטוילישען גלויבען. אונ עס

איז

איז פון זייא געבליבען פרייע מענשען מעהר ניט וויא דרייסיג טויזענד. אונ דאס זיינען וואס מען האט זייא שוין דענסטמאל גערופען מיט דעם נאמען קאזאקין. אונ דער קעניג האט זייא אביין גענומען אין זיין חיל אונ האט זייא פרייא געמאכט פון אלע אב-גאבען. זייא האבען אבער געמוזט דערפאר אייביג זיצען ביי דעם רוסישען גרענעץ וואס איז לעבען דאס לאנד פון דיא טאטערען איינצוהיטען דאס פוילישע לאנד פון דיא ווילדע טאטערין וואס פלעגען שטענדיג אביין פאלען אין פוילען אונ פלעגען איהר חרוב מאכען. אונ דעריבער וואר אייביג אגרויסע שנאה צווישען דיא קאזאקין אונ צווישען דיא טאטערין. דען זייא פלעגען אייביג מלחמה האלטען צווישען זיך. אונ דאהער ווארען אויך דיא קאזאקין זייער חשוב ביי דעם קעניג פון פוילין. אונ דיא איבעריגע אבער וואס זיינען געבליבען ביי זייער אלטען גלויבען ווארען העכסט אונטער געדריקט פון דיא פוילישע שרים. זייא האבען זייא געמאכט פאר פאדאנעס. אונ האבען געטאהן מיט זייא אלע שווערע ארבייט, אין דיא פעלדער אונ אין דיא הייזער אונ האבען זייא פיל מאל גענייט דאס זייא זאלען אננעהמען דיא קאטוילישע רעליגיאן (דת). אונ דאס האט אזויא געדויערט ביז דעם זיבענצענטין יאהר פון דעם קעניג זיגמונד.

ויהי בשנת ת״ז אונ עס וואר אין זיבענטען יאהר פון זיין רע-גירונג האט זיך געפונען איין געוויסער קאזאק וואס מען האט איהם גערופען פאלוק. נון האט זיך דער אויך אנגענומען פאר זיינע ברידער אונ איז אבגעפאלען פון פוילען, עס האבען זיך צוזאמען געקליבען צו איהם זייער פיל גבורים, אונ זיינען אריבער דעם אדער פון שווארצען ים וואס מען רופט עס אין דיא רוסישע שפראך (פראהי) דארטין אין דער גרויסע וויסטעניא וואס דארטין איז, האבען זיך צוזאמען געקליבען צו איהם זייער פיל קאזאקין אונ נאך וואס ווארין פון אלטען גלויבען. אונ דארטען איז ביי זייא געבליבען

דאס

דאס זייא זאלען אלע יהודים פון פוילין עוקר מן השורש זיין, אדער
זייא זאלען זייא גייטין דאס זייא זאלען אויף זיך מקבל זיין זייער
גלויבען. אויך האבען זייא שוין בייא זיך בעשלאסען דאס זייא
זאלען צווישען זיך צו טיילען די גאנצע-פוילישע מלוכה, אונ
(פאלוק) זאל ווערען קאניג אין ווארשא. עס איז אבער פון דעם
פלאן ניט געווארען. כי כשמוע המלך ולאדיסלאוו דען וויא דער קאניג
ולאדיסלאוו האט דער הערט די געשיכטע, האט ער ארויס
געשיקט אנקעגען זייא זיינע צווייא גענעראלען, וואס איינעם האט
מען גערופען (קאניצפאלסקי), אונ דעם אנדערן (פאטאצקי), זייא
זיינען געגאנגען מיט איין גרויסען הארמייא, אויך מיט זייא וואר
דער גרויסער פעלדמארשאל (לאשטש), אונ האבען מלחמה גע-
האלטען מיט די מורדים. די צווייא גענעראלען האבען זייא
ארום גענומען פון הינטען, אונ דער פעלדמארשאל (לאשטש) איז
זייא געקומען פון פארנט מיט זעקס הונדערט מאן. ער איז אנ-
געפאלען אויף זייא פלוצלונג, דען ער איז געגאנגען זייער סאקרעטנע
דורך וועלדער, נון ווארען די מורדים אין מיטען. אונ די פוילין
האבען זייא ארום גענומען פון אלע זייטען, אונ האבען זייא גע-
שלאגען פון פארנט אונ פון הינטען, ביז זייא זיינען געווארען צווא
זייט אונ צווא שפרייט. אונ דער (פאלוק) וואס ער וואר דער
גאנצער רעדעל פיהרער, וואר ער געבראכט קיין ווארשא, אונ מען
האט אן איהם געטאהן גרויסע נקמות, אונ אזויא אויך אן די
איבעריגע שרים וואס האבען געהאלטען מיט איהם. אונ ווייל דער
קאניג האט געזעהען דאס די קאזאקין זיינען נאך אלץ אומרוהיג,
האט ער שוין פון זייא מעהר ניט וויא זעקס טויזענד מאן איבער
געלאזט אין זיין חיל, אונ אויף די האט ער געמאכט פוילישע
אפיצערין, כדי זייא זאלען קיין כח ניט האבען זיך ווידער אויף
צו הויבען, דער מיטעל האט אבער גאנץ ווייניג געהאלפען. וויא
דער פסוק זאגט אין חכמה ואין עצה ואין תבונה נגד ה' דאס הייסט וואר


עס

עס איז נאָר איין גזר פון דעם בורא ברוך הוא קען דער מענש זיך
ניט קליינען עס מבטל צוא זיין. דען עס איז אין איין קורצע צייט
געוואָרען איין גרויסע פרידה אין וועלכער עס זיינען אום געקומען פיר
מאל הונדערט טויזענד יהודים, אונ עס זיינען פאר ברענט געוואָרען
זייער פיל שולען, אויך זיינען חרוב געוואָרען זייער פיל קלויסטערין,
אונ זיינען געהרגת געוואָרען זייער פיל דוחאָווגע מענשען אין דיא
שטאט לעמעוויץ, לובלין, אונ נאך אין זייער פיל שטעט, אונ
דיא איבעריגע זיינען צולאָפען אין אנדערע ערטער אונ אין אנדערע
לענדער, וויא מיר וועלען דא באלד אין קורצין דער ציילען ריכטיג
אונ קלאָר.

ויהי בשנת ח' ת"ח אונ עס וואר אין דעם יאהר ת"ח וואס מיר
יהודים האָבען געהאָפט דאס מיר זאָלען אין איהם אוים געלייזט
ווערען. ווייל דער יאהר איז צוויא מאל מרומז אין דיא כתבי
הקודש. איין מאל אין דעם פסוק בזאת יבוא אהרן אל הקודש, אונ דעם
אנדערן מאל אין דעם פסוק אם תקום עלי מלחמה בזאת אני בוטח דען דאס
וואָרט בזאת טרעפט אין דעם זעלבינגען מספר וואס עס טרעפט אין
דער מספר פון ת"ח דאס הייסט פיר הונדערט אכט. נון זאגט דער
ערשטער פסוק דאס אין יאהר בזאת וועט שוין אהרן קומען אין
בית המקדש, דאס הייסט ווייל עס וועט שוין משיח קומען אונ
דער בית המקדש וועט שוין זיין אויף געבויט, אונ דער אנדערער
פסוק זאגט ווען עס וועט זיך מאכען אנטקעגען מיר איין מלחמה
אין דעם יאהר זאת וואס דאס איז ת"ח ווערדע איך זיכער בלייבען,
אונ דאס איז געמיינט מלחמות גוג ומגוג, וואס עס וועט זיין אין
משיח צייט. אין דעם פאר האפטען יאהר וואס ער וואר דער
זעכצעהנטער יאהר פון קעניג (וולאדיסלאוו), וואר אין דער שטאט
(טשאהרין) איין געוויסער קאזאק וואס מען האט איהם גערופען
חמעלניצקי. ער וואר איין סאטניק דאס הייסט איין אפעציר
איבער הונדערט מאן. ער וואר זייער רייך. ער האט געהאט זייער

פיל

פיל שאף אונ זייער פיל אקסען . אונ וואר נאך דערצו איין גרויסער חכם אונ איין גרויסער בעל מלחמה . אונ דיא שטאט (טשאהרין) וואס ער האט אין איהר געוואוינט האט געהערט צו דעם גענעראל (קאניצפאלשקי) . דער חמעלניצקי וואר אליין איין געבארענער שלאכציין , אונ איז דענשטמאל צום אומגליק פון פוילין אונ פון דיא יהודים זייער שטארק באליידיגט געווארען פון איין געוויסען פוילישען מאגנאט (שר) (צאפלינסקי) וואס וואר דענסטמאל איין שטארסטע אין באצט פון (צעהדין) . ער האט איהם אנגעקלאגט אין דיא מאגדעס אונ מען האט איהם ניט געענטפערט . ער האט געשריבען צום קאניג וועלבסט , אונ האט קיין רעזולוציאן בעקומען . נון איז ער פון יענער צייט אן געווארען איין גרויסער אומפריינד דיא פוילין אונ אויך דיא יהודים . ווייל זייא האבען דענסטמאל געהאלטען אייביג מיט דער מלוכה , וועלכער זייא טרייא האבען געשווארען, אונ האט שטילערהייט זיך צוזאמען גירעט דורך בריף מיט דעם חאן (מושל) חאנעס איסלאם , וואס האט דענסטמאל געהערשט איבער דיא טאטערין פון קרים דאס ער זאל מיט זיין חיל איבער פאלען איבער פוילין . דער פון האט איין עטוואס געוואר געווארען דער גענעראל (קאניצפאלסקי) אונטער וועלכען ער האט געוואוינט אונ וואס ער האט איהם געקאנט פאר אגרויסען העלד אונ האט דאהער אנגעהייבען צוא האבען פאר איהם גרויס מורא דאס ער זאל אמאל ניט מאכען איין מרידה , אונ האט דעריבער געשפראכען וויא פיל מאל מיט דיא שרים פון פוילען . אונ האט אנגעהויבען צו זוכין אויף איהם בלבולים דאס ער זאל איהם קענען פאר משפטין אויף טויט . חמעלניצקי אבער האט זיך אויך געוואוסט פאר איהם צוא היטען , אונ עס וואר אלס דער גענעראל האט געדארפט שטארבען , האט ער פאר זאגט זיין זון וואס וואר דענסטמאל שוין (חארונזע) דאס הייסט איין גרויסער אפעציר וואס ער טראגט דיא פאנע פאר דעם קעניג, דאס ער זאל נוט אכטונג געבען אויף דעם

חמעלניצקי

חמעלניצקי, אונ זאל זעהן פּטור צוא ווערען פון איהם בּייא דער ערשטער אונ בּעסטער געלעגענהייט. אין איין צייט ארום האט דער (חאראנזע) גענומען איין ווייבּ איין גרויסע מיוחסת. זיא וואר דיא שוועסטער פון דעם שר (זאמיאישקע), אונ האט אויף דעם שידוך זייער פיל געלד אוים געבּראכט, מעהר אלס נאך זיין פאר מעגען נאך, דען עס איז שוין אזויא דער איינפיר אין דער מדינה פון פּוילין, צוא בּייא יהודים צוא בּייא קריסטען, צו טאן שידוכים איבּער דיא כּוחות. מען פאר זעצט וואס מען האט אונ מען בּלייבּט בּעלי חובות, צום בּייא שפּיל ווען איינער קען נאר געבּען טויזענד גילדען נדן זיין טאכטער, זאגט ער צו צווייא טויזענד גילדען אונ האט דער פון דיא גרעסטע קאפּ דרייענעס. אונ אזויא האט אויך גענומען דער (חאראנזע), אונ איז געבּליבּען דורך דעם אן איין גראשין. דרום איז בּייא איהם געבּליבּען דאס ער זאל מיט זיין פרויא אראפּ פאהרין אין זיינע גיטער וואס ער האט אויף יענעם זייט דניעפּער וואס דארטען וואוינען דיא קאזאקין, כּדי זייא זאלען איהם געבּען מתּנות לכבוד זיין נייע פרויא, אונ דער נאך וועט ער מיט דיא קאזאקין אביין פאלין אין דאס לאנד פון דיא טאטערין אונ וועט דארטין בּעקומען זייער פיל רויבּ. אונ עס וואר ווייא ער איז געקומען אין דער שטאט (טשאהרין) האבּען איהם דיא שטאט איינ־וואוינער זייער שיין אויף גענומען מיט גרוים שמחה, אונ האבּען איהם געגעבּען גרויסע מתּנות. עס וואר אבּער דענסטמאל אין דער שטאט איין געוויסער ראנדאר וואס מען האט איהם גערופען רבי זכריה סאבּילענקי, ער וואר זייער חשוב בּייא דעם (חאראנזע), אונ וואר אויך איין גרויסער נכבד אין שטאט בּייא דער אידעשע געמיינדע, אונ בּייא יעדער אסיפה וואר זיין דעה דיא ערשטע. דא האט ער געפויעלט בּייא קהל דאס אידעשע עדה זאל אנטאן דעם שר גרוים כּבוד בּעזונדער. האבּען זייא געמאכט לכבוד איהם איין גרויסע ליוטינאציע, אונ האבּען איהם געמאכט מי שבּרך אין

שול

שול מיט גרויס פארבאר וויא דיא מאדע וואר אין יענער צייט. אויך האבען אלע אידישע פרויען געמאכט איין גרויסען פריזענט צוא זיין פרויא, איין טייערין בונט פעריל וואס וואר אויס געלייגט אויף איין קאראזיע (האניג טארט), וויא זיין הערב, אונ נאך אזעלכע זאכען. אונ דאס איז דעם שר אונ זיין פרויא זייער געפעלין, ער האט זיא זייער שטארק געדאנקט דער פאר, אונ האט זייא געשיינקט אלטע חובות וואס זייא זיינען איהם שולדיג געוועזען. אונ דעם באנדאר רבי זכריה סאבילענקי האט ער איין געלאדען צו זיך, אונ האט פאר בראכט מיט איהם זייער פריינדליך ביא איין גלעזעל משקה. ער האט זיך באשפראכען מיט איהם איבער יעדעם בייבען אונ פארנעמען איינוואוינער פון שטאט, שייא פון יהודים אונ שייא פון דיא גריכען, ביז עס איז געקומען צורייד פון דעם חמעלניצקי. קאם דער שר האט דערהערט זיין נאמען, האט ער זיך אויף דער שטעל דער מאנט אן זיין פאטערס צוואה וועגען דעם חמעלניצקי, אנב האט ער באקומען חשק צו זיין איינגש, אונ האט זיך נאך דערצו איין היתר געפונען, ער האט געטראכט ער האט עס קונאי ביא מיינע פאדאנעם אנגירויבט אונ דאס איז אלץ מיינע. אונ דרום האט ער ביא איהם אבגינומען איין האלב איינענש גאר אן דין אונ אן משפט, וואס דאס האט אנגיטראפען וויא פיל מאות אדומים אונ איז זיך אוועק געפארען, אונ דער חמעלניצקי האט איהם אפילו אווארט ניט גירעט כדי דער שר זאל זיך פאר איהם גיט היטין אונ זאל ביא איהם ניט צו נעמען דיא איבעריגע. דען דער שר וואר איבער זיינע שטעט איין מושל וויא איין קעניג אונ האט געהאט מאכט צו טאהן וואס ער וויל. נון אבער וויא דער שר האט אבגערייזט האט דער חמעלניצקי געשריבען אבריף צו דיא טאטערין דאס זייא זאלען זיך היטען פאר דעם האראנזי, דען ער האט אין זין אן צו פאלען אויף זייא פלוצלונג: ויהי כשמעו הטאטערין אונ עס וואר וויא דיא טאטערין האבען עס דערהערט האבען זייא

זיך זייער שטארק בעוואפענט אונ זיינען ארויס אנטקעגין דעם שר מיט שווערד אונ בויגען, אונ דער שר איז פאר זייא אנטלאפען מיט גרויס חרפה דען ער וואר מיט ווייניג חיל אונ האט זיך גאר ניט גירינקט דאס זייא ווייסען פון זיין קומען. אונ האט אויך ניט געוואוסט פון וואנען דיא טאטערין זיינען עם גיווער געווארען דאס ער וויל אויף זייא אן פאלען: ויהי היום אונ עס וואר אמאל זיינען דיא קאזאקין געזעסין ביי דעם יודען זכריה אין שטוב אונ האבען געטרונקען זייער פיל משקה, אונ עס וואר אונטער זייא אויך דער חמעלניצקי. ויהי כטוב לבו ביין אונ עס וואר אז ער האט זיך שוין גוט אן געטרונקען, האט ער דערציילט פאר זיינע גוטע פריינד וויא ער האט דא אביסעל אבגיטאהן דעם תאראנזע דער פאר וואס ער האט איהם אזויא בזלות געשטעלט, אונ האט זיך ניט געהיט פאר דעם זכריה וואס ער איז זיך געזעסין דארט ביי עק טיש אונ האט מיט דעם קרייט געמאכט זיינע רעכונגעס, נון האט דער זכריה קיין שיהיות ניט געמאכט אונ האט עס באלד דערציילט דעם שר דא האט דער שר געלאזט נעמען דעם חמעלניצקין, אונ האט איהם געשמיט אין קייטין אונ האט איהם אריין געזעצט אין דער תפיסה אונ האט שוין געהאט אין זין איהם צוא טייטין. עס וואר אבער דארטען איין געוויסער יודע וואס מען האט איהם גערופען יעקב סאבילענקי, אונ ער וואר איין גוטער פריינד פון דעם חמעלניצקין האט ער איהם געגעבען איין עצה דאס זיינע גוטע פריינד זאלען איהם ארויס נעמען פון געפיינקעניש אויף ערבות, אונ זאל גיין צוא דעם שר בשעת ער וועט זיין אין קלויסטער, אונ זאל איהם פאלען צוא דיא פיס אונ זאל איהם בעטען דאס ער זאל איהם שיינקען זיין לעבען, ער זאל זיך פאר ענטפערין אונ זאגין דאס דער יודע זכריה האט אויף איהם אוים געטראכט איין ליגען, אונ דאס ער וייס גאר ניט דער פון וואס צו זאגען, אונ דיא קאזאקין זיינע פריינד וואס וועלין דערנסטמאל מיט איהם אין שיינק זאלען זייא.

זייא עדות זאגין דאס ער האט קיין מאל ניט גערעט אזעלכע
רייד, אונ דער חמעלניצקי האט אזוי געטאהן אונ עס האט איהם
געגליקט, אונ דער שר האט איהם לויז געלאזען דעם מאל, עס
האט אבער ניט לאנג געדויערט אונ דער שר האט געמאכט איבער
דיא זאך אגרויסע שלעצמערא אונ עס האט זיך דאקאזעט דאס דער
זכריה האט אמת געזאגט, אונ דער שר האט דעם חמעלניצקין
ווידער אריין געזעצט, אונ האט פאר זאגט זיין טיסעצניק דאס
הייסט זיין פולקאווניק דאס ער זאל איהם אום גיזאמט אראפ
נעמען דיא קאפ, אונ זאל עס צוא איהם ברייגען קיין בראד,
וואס זיא איז געוועזען זיין הויפט שטאט אין קליין פוילין, ווייל
ער אונ זיין פרויא אונ זיין גאנצע חיל האבען אהין אוועק גע-
צויגען אונ אויב ער וועט עס ניט מקיים זיין וועט ער איהם
אראפ נעמען דיא קאפ אנשטאט איהם. חמעלניצקי אבער וואס
ער האט שוין געוואוסט וויא ווייט עס האלט דא מיט איהם,
האט ער געזאגט צוא זיינע פריינד וואס זיינען געקומען צו איהם
אין דער תפיסה צוא נעמען פון איהם אבשייד אונ זייא ווארין
אלע שאטניקעס, זאגט ער צוא זייא: מיר איז אגרויס וואונדער
וואס איהר שטייט דא פון ווייטען אונ שווייגט צו, נאך זעהעט
איהר ניט וויא דיא פאלאקין שטארקין זיך איבער אונז פון טאג
צוא טאג אונ ארבעטין מיט אונז זייער שווערע ארבעט, אונ ניט
גענוג וואס דיא שרים טוען מיט אונז אלע שווערע ארבעט, אפילו
דיא יהודים וואס זיינען אזעלכע נבזים אונ שפלים טוען זייא מיט
אונז היינט דיא שווערע ארבעט אונ מארגען נאך אשווערערע,
דער סוף וועט זיין דאס זייא וועלען מיט אונז אקערין וויא מיט
אקסען. דרום ווען איהר וואלט מיר גיפאלגט, האט איהר אזויא
נעדארפט טאהן, איהר האט נעדארפט אריבער גיין צוא אונזער
פולקאווניק אונ בעטען איהם דאס ער זאל מיר ארויס לאזין אויף
אייערע ערבות איבער נאכט מיט דעם אויסרייד דאס איך זאל זיך

מיט

מִיט אַייך לוּסְטִיג מַאכֶען דָארְטֶען אוֹיף אַיין שִׂמְחָה וָואס אִיהר וֶוילְט מַאכֶען מָארְגֶען פוּן אָווינְד, אוּנ דֶענְסְטְמָאל וֶועלֶען מִיר אַלֶע אַנְטְלוֹיפֶען מִיט אוּנְזֶערֶע וַוייבֶּער אוּנ קִינְדֶער אִיבֶּער דֶעם אָדֶער פוּן יַם דָארְטֶען אִין דֶעם גְרוֹיסֶען שְׁטֶעפּ, אוּנ דָארְטֶען וֶועלֶען מִיר זִיךְ סַמֶען זַיין וָואס מִיר זָאלֶען טָאהן אַנְטְקֶעגֶען דִיא פּוֹילִין. אוּנ אַזוֹיא וַואר עֶס טַאקֶע גֶעשֶׁעהֶען. אוּנ זֵיי הָאבֶּען גֶעשִׁיקְט בְּרִיף אִין אַלֶע עֶרְטֶער וואו עֶס זַיינֶען דָא גְרֶעקֶען, דָאס זַייא זָאלֶען קוּמֶען צוּא זַייא, אוּנ עֶס הָאבֶּען זִיךְ צוּא זַייא צוּזַאמֶען גֶעקְלִיבֶּען צְוַואנְצִיג טוֹיזֶענְד מַאן:

ויהי כשמוע המלך והשרים בדבר הזה אוּנ עֶס וַואר וִויא עֶס הָאבֶּען עֶס דֶער הֶערְט דֶער קֶענִיג אוּנ דִיא שָׂרִים הָאבֶּען זַייא דֶער פוּן גֶעלַאכְט. דֶען זַייא הָאבֶּען זִיךְ גֶעדֵיינְקְט דָאס דִיא גְרֶעקֶען וֶועלֶען אַרַיין פַאלֶען צוּא זַייא אִין דִיא הֶענְד וִויא פְּרִיעֶר וַואר, אוּנ עֶס זַיינֶען אַנְקֶעגֶען זַייא גֶעגַאנְגֶען דִיא צְוֵויא גְרוֹיסֶע גֶענֶערַאלֶען, אֵיינֶער וַואר דֶער גֶענֶערַאל פאטאצקי, אוּנ דֶער אַנְדֶערֶער וַואר קלינופסקי, אוּנ מִיט זַייא וַואר אַיין חַיִל פוּן זֶעקְס טוֹיזֶענְד מַאן פָּאלַאקִין, אוּנ הָאבֶּען זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט לֶעבֶּען דֶער שְׁטָאט קארסין, אוּם אַיין צוּ הִיטִין דֶעם אָדֶער פוּן יַם דָאס זַייא זָאלֶען נִיט אַרַיין פַאלִין אִין דֶער מְדִינָה. פַאר פּוּרִים הָאבֶּען זִיךְ דִיא קָאזַאקִין צוּ זַאמֶען גֶעקְלִיבֶּען הִינְטֶער דִיא שְׁטֶעפֶּע אוּנ חמעלניצקי הָאט צוּא זַייא גֶעזָאגְט דִיזֶע וֶוערְטֶער: אתם ידעתם אִיהר וֵוייסְט מַיינֶע בְּרִידֶער דָאס דִיא פָּאלַאקֶען זַיינֶען אַיין פִיל שְׁטַארְקֶערֶעס פָאלְק פַאר אוּנְז. זַייא זַיינֶען מֶערְכְּטִיג וִויא דִיא לֵייבִּין אוּנ מוּטְהִיג וִויא דִיא לֶעמְפֶּערְטִין זַייעֶרֶע גֶעוֶוער אִיז וִויא דִיא פְּלַאמֶען, אוּנ נָאךְ הָאט זִיךְ קַיין אוּמָה וְלָשׁוֹן גֶעשְׁטֶעלְט זַייא אַנְטְקֶעגֶען, דְרוּם אִיז מַיין עֵצָה דָאס מִיר זָאלֶען פְּרִיעֶר שָׁלוֹם מַאכֶען מִיט דִיא טָאטֶערִין וָואס וַוארֶען בִּיז אַהֶער אוּנְזֶערֶע פֵיינְד, אוּנ מִיט זַייא צוּזַאמֶען וֶועלֶען מִיר עֶרְשְׁט שְׁטְרַייטֶען קֶעגִין דִיא פּוֹילִין. אוּנ דִיא גְרֶעקִין מִיט דִיא

קאזאקין

קאזאקין האבען אזויא געטאהן, אונ האבען אפגעמאכט דאס דיא טאטערין זאלען זיך נעמען אלע מענשען אונ בהמות וואס זייא וועלען פאנגען, אונ דיא קאזאקין זאלען מעהר ניט נעמען וויא בארעס געלד אונ קליידער, אונ אזויא זיינען זייא ביידע געגאנגען צוזאמען, דיא טאטערין מיט דיא גרעקין דורך דעם שטעט אונ דורך גרויסע וועלדער ביז זייא זיינען געקומען צוא דעם פוילישען לאגער פון דיא ביידע גענעראלען. אין איין טאג פאר זייער קומען אהין, האבען זייא געשיקט שפיאנעם אין דעם פוילישען לאגער אום אויס צו זעהען וויא מעכטיג זייא זיינען אונ וויא פיל חיל זייא האבען. דיא שפיאנעם האבען אבער זיך דער וואוסט דאס דיא פאלאקין זיינען גאנץ ווינציג אונ זיינען זיך דער צו גאנץ רוהיג, זיצין זיך אויף איין בארג אונ עסין אונ טרינקען, שפילען אויף פייקלעך אונ טאנצען אונ דיינקען דער ווייל גאר ניט פון קיין מלחמה. אזויא האבען זייא דיא שפיאנעם געבראכט איינע פריילכע תשובה, אונ האבען זייא מבטיח געוועזן דאס מען וועט קענען דיא פאלאקין זייער לייכט שלאגין, אונ דענסטמאל האבען דיא קאזאקין געשיקט זייערע שפיאנעם ווייטער, אונ האבען געמאכט ארום דעם בארג וואו דיא פאלאקין זיינען געזעסין אין אלע ערטער וואו זייא קענען גאר אנטלויפען זייער טיפע גריבער אונ לעבער. ויהי ביום השלישי אונ עס וואר דעם דריטען טאג דעם פערטין טאג אין סיון ת"ח זיינען געקומען דיא טאטערין אונ דיא גרעקין דורך גרויסע וועלדער פון ביידע זייטען, אונ עס וואר וויא דיא פוילין האבען געזעהען דאס זייא זיינען גאנץ פארלארען, דען זייא ווארין גאנץ ווינציג אונ דיא גרעקין מיט דיא טאטערין ווארין אין צאהל פון זעכציג טויזענד, האבען זייא געוואלט אנטלויפין אין דיא וועלדער, זיינען זייא אבער אריין געפאלען אין דיא גריבער וואס מען האט פאר זייא אויס גע־גראבען, אונ דיא גרעקין מיט דיא טאטערין האבען זייא אטאקירט אונ האבען זייא געוואלט ממית זיין, דא האבין זייא געבעטען דיא

שרים

שׂרים פון פוילין דאס זייא זאלען זייא שוינען אונ זאלען זייא לאזין לעבען אונ זאלען זייא נעמען געפאנגען , האבען דיא טאטערין מסלא געוועזען זייער רצון , זייא האבען זייא אלעמען גענומען געפאנגען דיא פראסטע סאלדאטען מיט זייערע אפיצעריז, זעלבסט אויך דיא צווייא גרויסע גענעראלען אונ האבען זייא אנגיטאהן גרויסע ענוים. זייא האבען זייא אנגיטאהן גרויסע קייטין אונ האבען זייא מיט זיך געשלעפט . אונ כמה שׂרים פון פוילין וויא זייא האבען נאר געזעהען דאס חמעלניצקי איז זייער מצליח , האבען זייא אליין אויך מורד געוועזען אן דיא מלוכה פון פוילין , אונ זיינען צו גע-שטאנען צוא איהם אונ האבען איהם געשוואָרען דאס זייא וועלען איהם דינען טרייא אונ עהרליך וויא זייא האבען געדינט זייער אייגענעם קעניג פון פוילין . אונטער דיא פאלשע שׂרים וואר אויך דער זעלבער פולקאוניק וואס וואר איבער חמעלניצקי , וואס דער הארנזי האט איהם בעפוילען דאס ער זאל דעם חמעלניצקין אראפ נעמען דיא קאפ , אונ דער חמעלניצקי האט איהם געמאכט דער פאר איין פולקאווניק אין זיין חיל . אויך דער שרייבער וואס וואר ביא דעם גרויסען גענעראל קאניצפאלסקי , וואר נאך זיין טויט איין שרייבער ביא חמעלניצקי , אונ דער שרייבער וואר איין גרויסער חכם , אונ האט פערשטאנען דעם גאנצען שׂכל פון דיא מלחמות וואס פוילין פירען קענין דיא גרעקין . אונ אין דעם זעלבינין טאג וואס זיינען געפאנגען געווארען דיא צווייא גענעראלין , איז אויך געקומען דיא בשׂורה רעה דאס דער קעניג וולאדיסלאוו איז געשטארבען , אונ דאס גאנצע לאנד פוילין איז געבליבען וויא דיא שאף אהן אהירטען .

ויהי כאשר שמעו הדוכסים והשרים אונ עס וואר וויא דיא שׂרים אונ דיא דוכסים האבען דער הערט דאס דער קעניג איז געשטארבען אונ דיא צווייא גרויסע גענעראלען זיינען געפאנגען געווארען זיינען זייא ביא זיך זייער ארונטער געפאלען . אויך דיא יודען ווארען דורך

דעם

דעם זייער בעזארגט און זייער צושראקין . עס זיינען דורך דעם צולאפען
געווארען אלע פוילישע שרים וואס האבען מושל געוועזען אויף יענעם
זייט דניעפער און אויף דעם זייט דניעפער ביז דער שטאט פאלנאה .
זייא זיינען אלע געלאפען נאר זייער לעבען צוא ראטירען . עס וואר
נאר דער בייא איין גרויס גליק דאס עס האט זיך געפונען צווישען
דיא אנטלאפענע שרים אויך דער שר ווישניוועצקי זכרונו לברכה
מיט זיין גאנצען חייל . ער וואר איינער פון יענע וואס האבען
געוואוינט אויף יענער זייט דניעפער און ער וואר איין גרויסער אוהב
ישראל און אויך איין גרויסער העלד וואס וואר ניט זיין גלייכען
אין דער וועלט . און עס וואר בשעת ער איז דא איצונד געלאפען
מיט זיין חייל דורך ליטע זיינען מיט איהם מיט געלאפען פינף
הונדערט בעלי בתים יודין מיט זייערע ווייבער און קינדער . און
דער שר האט זייא גישיצט און געהיט ביז ער האט זייא געבראכט
צוא דעם ארט וואו זייא האבען פערלאנגט . ווען עס וואר אסכנה
צו גיין פון הינטען האט ער געהייסען דאס דיא יודען זאלען גיין פון
פארינט . און ווען דיא סכנה וואר פאר יענע וואס גייען פון פארענט
האט ער זייא געהייסען גיין פון הינטען . והיהודים און דיא יודען
וואס ווארען אויף דער זייט דניעפער וויא זייא האבען דער הערט
פון דיא צווייא גרויסע אומגליקען דאס הייסט דאס דער קעניג איז
טויט און דיא צווייא געגעראלען ווארען געפאנגען אין דעם ערסטין
טאג פון שבועות, זיינען זייא אנטלאפען געווארען אום יום טוב
גופה און האבען ניט חס געהאט אויף זייער געלד און זילבער
און האבען נאר געזעהען צוא ראטירען זייער לעבען . אלע שטעטלאך
וואס גיהערין צוא דער גרויסער שטאט אוסטרא דאס איז דיא
קהלה שדה לבן און דיא קהלה פאוולאוויטש און דיא קהלה שטודנאיו
און דיא קהלה לובירטוב , און נאך פיל קהלות זיינען אטייל
אנטלאפען קיין פלונאה און איין טייל קיין זאסלאוו און אטייל קיין
אסטרע און אטייל קיין קאנסטאנטין ווייל דיא ערטער זיינען זייער

בעפעסטיגט

באפעסטיגט. אונ אלע ערטער וואס געהערין צוא דער שטאט לבוב וואס זיא געפינט זיך אין רוסיא מיט אלע קהלות וואס זיינען שייך צוא איהר למשל דיא גאנצע סביבה פון נעמירוב זיינען אנטלאפען קיין נעמירוב. אונ דיא וואס ארום פון דער קהלה טולטשין זיינען אנטלאפען קיין טולטשין. אונ דיא ערטער פון דער קהלה בר למשל וויניציה אונ דיא קהלה שטאריגראד אונ דיא קהלה קרשיני מיט אלע קהלות וואס זיינען דארט דער ביא זיינען אלע אנטלאפען קיין בר אונ ווער עס איז ניט אנטלאפען אדער ער האט ניט געקאנט אנטלויפען דער וואר איין מתחייב בנפשו. אונ זייער פיל מענשין פון דיא קהלות וואס זיינען אויף יענעם זייט דניעפער למשל פרישלאב בארישפקע פריאמון באריופלי לובען לאחויץ אונ נאך זייער פיל קהלות קדושות וואס האבען ניט געקאנט אנטלויפען, זיינען אלע אום געקומען אויף קדוש השם דורך מיתות משונות, אנדערע האבען דיא טאטערין אראפ געשונדען דיא הויט אונ זייער פלייש האט מען געווארפען פאר הינט. אנדערע האט מען אבגעהאקט דיא הענד אונ דיא פיס אונ מען האט זייא אוועק געווארפען אויף דעם וועג אונ מען איז איבער זייא געפארען מיט וועגין אונ מען האט זייא צוטראטין מיט פערד. אונ אנדערע האבען דיא טאטערין שטארק צוא קלעצעט אונ מען האט זייא געלאזען ליגען אין דיא גאסין אונ זייא האבען זיך געצאפילט אין זייער בלוט אלאנגע צייט ביז זייא זיינען געשטארבין. אנדערע האבען דיא טאטערין באגראבין לעבעדיגערהייד. זייא האבען קינדער געקוילעט אויף דעם שוים פון דיא מוטער. אונ פיל קינדער האבען דיא טאטערין צוריסען זויא ציקעלאך. זייא האבען אויף געשניטען דיא בייכער פון דיא טראגענדיגע ווייבער אונ האבען ארויס גענומען דאס קינד אונ האבען עס געווארפען זייא אין געזיכט. אונ נאך אנדערע ענוים וואס דיא כשדים האבין עס ניט געטאהן בשעת חורבן הבית. מיר שעמען זיך עס דאס אלין ארויס צו שרייבע בפרוטרוט, דאמיט

זאלען

זאָלען מיר ניט צו פיל מבזה זיין דעם מין האנושי וואס ער איז בעשאַפען מיט דעם צלם אלהים. בייסענד איז איין לייב, ווילד איז איין טיגער, בלוט דאַרשטיג איז דער לעמפערט, מערדערישער פאַר זיא אלעמען איז אָבער דער מענש אין זיין צאָרן, וויא דער פסוק זאָגט. דער רשע אַז דער הויבט זיך ביא איהם דער כעס, פאַרשטט ער ניט נאָך וואס שפּעטער וועט זיין, גאָט איז אין זיינע גאָר דיא געדאַנקען ניטאָ. קורץ פון דער זאַך, עס וואַר קיין מיתה משונה וואס דיא טאַטערין האָבען ניט אָנגעטאָהן דיא יהודים, אלע פיר מיתות ב״ד סקילה שרפה הרג וחנק. אונ דיא טאַטערין האָבען גענומען אין געפֿיינקעניס זייער פיל ווייבער אונ בתולות, אונ האָבען זיא מענה געוועזן פאַר זייערע מאַנען אין דיא אויגען. אונ דיא שיינע ווייבער אונ דיא שיינע בתולות האָבען זיא גימאַכט פאַר דינסטען אונ קעכענס אונ קעפּס ווייבער. אַזעלכע מעשים האָבען זיא געטאָהן אין אלע ערטער וואו זיא זיינען גאָר געקומען. אויך האָבען זיא ניט געשוינט דיא פּאָלאַקין, אונ נאָך מעהר האָבען זיא געטאָהן שלעכטעס דיא גאַלחעס. קורץ דער פון עס זיינען אומגעקומען אויף יענעם זייט דנעפּער כמה וכמה אלפים נפשות פון יהודים, אונ כמה מאות מענשען האָבען געמוזט פאַר לאָזין זייער גלויבען, זייא האָבען צוריסין דיא ספרי תורות אונ האָבען פון זייא געמאַכט זעק אונ שיך, אונ דיא רצועות מיט דיא תפלין האָבען זייא געוואָרפען אין דיא גאַסען. אונ פון דיא איבעריגע ספרים האָבען זייא געמאַכט בריקען אין דיא גאַסין, אויך האָבען דיא טאַטערין דער מיט פאַר שטאָפּט זייערע האַרמאַטען אַנשטאַט טיכער צושיסען. וויה דיא אויערין וואס הערין אַזעלכע מעשים:

ויהי כאשר שמעו אונ עס וואַר וויא עס האָבען עס דער הערט דיא קהלות פארהבישטש זוואטב באזופקה טשיאוב אונ נאָך אַנדרע שטעט, וואס דיא טאַטערין האָבען געטאָהן אויף יענער זייט דנעפּר האָבען זייא ביא זיך געדיינקט אַזויא, ווען מיר וועלין וואַרטען ביז

וואַנען

נאנען דיא טאטערין וועלין קומען אין אונזערע שטעט וועלין זייא דאך בודאי אונז אלעמען ממית זיין, אדער זייא וועלין אונז נייטין דאס מיר זאלען אונזער גלויבען פאר לאזין, דרום איז פיל גלייכער דאס מיר זאלען גיין צוא דיא טאטערין אונ מיר זאלען זיך לאזען נעמען פון זייא געפאנגען, ווייל מיר ווייסען דאס דיא יודען אין שטאמבול אונ אין אנדערע שטעט פון טערקייא, זיינען פון נאטור בחמנים, וועלען זייא אונז בודאי אויס לייזען. אונ האבען עס טאקע אזויא געטאהן. עס זיינען אוועק צוא דיא טאטערין דיא פיר קהלות וואס זיינען שוין דא דערמאנט געווארען, מענער, ווייבער, קינדער, איין ערך פון דרייא טויזנד נפשות, עס וואר בייא זייא איין חזן וואס מען האט איהם גערופען ר׳-הירש מזוטב. אונ עס וואר וויא זייא זיינען געקומען צוא דיא טאטערין האט דער חזן אנגעהויבען זייער שטארק צוא קלאגען אונ צוא זינגען אל מלא רחמים אויף דיא הרוגים מיט איין גרויסין שטים דאס דיא גאנצע פאלק יהודים האבען זיך זייער שטארק פאנאנדער געוויינט דאס זייער געשרייא איז דער הערט געווארען אז אין הימעל, אונ עס האבען זיך איבער זייא מרחם געוועזען דיא טאטערין אונ האבען זייא געטרייסט מיט זייערע רייד אונ האבען זייא געזאגט דיא ווערטער. איהר זאלט ניט זארגין, עס וועט אייך בייא אונז ניט פעלין אין עסין אונ אין טרינקען. איהר האט בייא אייך שוחטים, קוילעט אייך גענוג שאף אונ רינדער, אונ אומגיזאמט וועלין מיר אייך ברייננגען צוא אייערע ברידער קיין שטאמבול, אונ זייא וועלין אייך אויס לייזין, אונ אזוי וואר עס אויך געשעהען באמת. אונזערע ברידער אין שטאמבול האבען זייא אלעמען אויס געלייזט, אונ נאך זייער פיל געפאנגענע פון פוילין איין ערך פון צוואנציג טויזנד נפשות, אונ האבען דערויף אויס געבראכט איין גרויס פערמעגען. חוץ דעם וואס זייא האבען זייא מפרנס געוועזען אונ האבען מיט זייא געטאהן טובות גאר אהן אשיעור. אונ אזויא האבען געטאהן דיא יודין פון גאנץ טערקייא,

און

און בִּפְרַט אין דער שְׁטָאט סאלעניק. אויך אין אִיטַאלְיֶען נִוָארֶען זייער פִיל גֶעלְד צוזאמֶען גֶעקְלִיבֶּען אויף פִּדְיוֹן שְׁבוּיִם, און מֶען הָאט אַלֶץ אַוֶועק גֶעשִׁיקְט קַיין שטאמבול. אוּם אויס צוא לֵייזֶין דיא גֶע-פאנְגֶענֶע יוּדֶען פון דיא טָאטֶערִין. גָאט זָאל דַאפִיר לוֹינֶען און בֶּעצָאלִין אוּנְזֶערֶע בַּארִימְהֶערְצִיגֶע בְּרִידֶער, און זָאל זַייא אַיין הִיטִּין פון אַלֶע אוּמְגְלִיקִין און פון אַלֶע נוֹיטִין עַד בִּיאַת גּוֹאֵל אָמֵן.

וַיְהִי אחרי הדברים האלה נָאךְ אַלֶע דִיזֶע גֶעשִׁיכְטֶען, הָאבֶּען זִיךְ אוּמְגֶעקֶערְט דיא טָאטֶערִין צוּרִיק אין זֵייעֶר לַאנְד מִיט זֵייעֶר פִּיל גֶעפַאנְגֶענֶע. און דֶער צוֹרֵר חמעלניצקי אִיז אַוֶועק מִיט זֵיינֶע קָאזַאקִין און מִיט כַּמָּה אֲלָפִים טָאטֶערִין קַיין טשעהרין. זֵיינֶען אַלֶע שְׁטָאט לַייט אַרוֹיס אַנְטְקֶעגִין אִיהם מִיט פוֹיקֶען און מִיט טֶענְץ און מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה און הָאבֶּען אִיהם גֶעבֶּענְטְשְׁט און הָאבֶּען אִיהם אויפְ-גֶענוּמֶען פַאר אַיין שַׂר אִיבֶּער זִיךְ, אִיהם און זֵיינֶע קִינְדֶער און זֵיינֶע קִינְדְס קִינְדֶער וְדוֹרֵי דוֹרוֹת. זַייא הָאבֶּען אִיהם גֶעזָאגְט דוּא בִּיזְט בַּייא אוּנְז גֶערֶעכֶענְט פַאר אַיין גֶעטְלִיכֶער פִירְשְׁט און פַאר אַיין מוֹשִׁיעַ, דֶען דוּא הָאסְט אוּנְז אַרוֹיס גֶענוּמֶען פון דיא שְׂרִימְס הֶענְד, און פון דיא פוֹילִישֶׁע פָאלְק וָואס הָאבֶּען אוּנְז זֵייעֶר וֵוייה גֶעטָאהן גָאר אָהן אַשִׁיעוּר.

וַיְהִי כאשר ישב הצורר און עֶס וַואר אַז דֶער צוֹרֵר חמעלניצקי אִיז זִיךְ גֶעבְּלִיבֶּען זִיצִין רוּהִיג אין זַיין הויז, הָאט עֶר גֶעזָאגְט צוּא זַיינֶע יוֹעֲצִים און צוּא זֵיינֶע שָׂרִים, מִיר דַארְפֶען זִיךְ דָא זֵייעֶר גוּט מְיַעֵץ זַיין דָאס מִיר זָאלֶען נִיט בְּלֵייבֶּען צוּ שַׁאנְד און צוּם בִּזָּיוֹן בַּייא אוּנְזֶערֶע פַיינְד, דֶען מִיר הָאבֶּען זִיךְ שׁוֹין אַיין מָאל בֵּייז גֶעמַאכְט מִיט דיא פוֹילִין, נוּן וֶועלִין עֶס דֶער הֶערִין אַלֶע קַאטוֹילִישֶׁע מְלָכִים דָא וֶועלִין זַייא קוּמֶען מִיט אוּנְז מִלְחָמָה הַאלְטֶען, און מִיר זַיינֶען דָאךְ נָאךְ אַיין גַאנְץ וֵוינְצִיג פָאלְק. ויאמרו לו הָאבֶּען זַייא צוּא אִיהם גֶעזָאגְט דָאס אוּנְזֶער עֵצָה אִיז דָאס דוּא זָאלְסְט שְׁרַייבֶּען בְּרִיף צוּא אַלֶע פוֹילִישֶׁע שָׂרִים דָאס דוּא פַאר לַאנְגְסְט שָׁלוֹם, און דָאס דוּא

האסט

האסט נאר הרטה אויף דעם וואס דוא האסט נאר אנגעהויבען צוא פירין קריג מיט זייא. אונ דוא האסט גערארפט רעטירען דיין לעבען. דורך אזעלכע בריף וועלין דיא פאלאקין זיך דער ווייטע בערוהיגען אונ וועלין זיך ניט איילען איין צו זאמלען חיל אונ דער ווייטע זאלסט דוא שרייבען צו דעם קעניג פון דיא טאטערין דאס ער זאל דיר שיקען אגרוים חיל, אויך זאלסטו שרייבען צוא אלע גרעקין וואס וואוינען אין פוילין דאס זייא זאלען זיין פארטיג זיך צוזאמען קלייבען אין דעם טאג וואס דוא וועסט זייא בעשטימען, כדי זייא זאלען רעטירען זייער לעבען אונ זאלען זיך נוקם זיין אן דיא פאלאקין אונ אן דיא יהודים. דיא עצה איז געווארען גיפעלען זייער דעם חמעלניצקען, אונ ער האט אזוי געטאהן וויא זייא האבען איהם געראטען, ער האט געשריבען בריף זייער סאקרעטנע, אין אלע ערטער וואו עס געפינען זיך נאר גרעקין, דאס זייא זאלין זיך אין איין בעשטימטען טאג אלע צו זאמען קלייבען אונ זאלין ממית זיין אלע יהודים אונ אלע פוילישע סאלדאטין מיט זייערע שרים אונ זאלין זייערע עשירות צוא רויבען. עס איז אבער דיא זאך דער ווארט געווארען צו דיא יהודים וועלכע עס וואריו שכנים מיט דיא גרעקין אונ ווארין מיט זייא זייער גוטע פריינד. ובכל מדינה ומדינה אונ אין יעדער לאנד וואס עס איז געקומען אהין דיא בריף פון דעם חמעלניצקען וואר גרויס פרייד בייא דיא גרעקין אונ גרויס געוויין בייא דיא שרים אינ בייא דיא יהודים. אונ עס וואר דענסטמאל יעדערין צו מוטה וויא אין דער צייט פון גזירת המן, בשעת עס איז ארויס דער באפעל להשמיד ולהרוג את כל היהודים מנער ועד זקן דאס הייסט אז מען זאל פאר טיליגין אונ אויס הרגנען אלע יהודים פון קליין ביז גרויס. זיינען דיא יהודים געוועזען אין מורא טאג אונ נאכט. בייא טאג האט מען קאם דער ווארט דיא נאכט, אונ בייא נאכט האט מען קאם דער ווארט דעם טאג, קיינער האט ניט געגלויבט אין זיין לעבען, אונ דוד המלך ע"ה האט אויך מרמז געוועזען אין

תהלים

תְּהִלִּים דִיא גְזֵירַת פוּן ת"ח אִין דֶעם פָּסוּק על זאת יתפלל כל חסיד וכו'
דָאס הֵייסְט אוֹיף גְזֵירַת ת"ח זָאל מִתְפַּלֵּל זַיין צוּא דִיר אִיטְלִיכֶער
פְרוּמֶער מַאן, וַוייל ת"ח טְרֶעפְט אָן וִויא דֶער וָוארְט זאת. דָאס
הָאט אָבֶּער בַּעֲוֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים גָאר נִיט גֶעהָאלְפֶען, אוּנ נָאטְם הָאנְד
וַואר גִינֵייגְט אִיבֶּער דִיזֶעס לַאנְד אוּם צוּ בֶּעשְׁטְרָאפֶען אִיהר, מֶען
הָאט גֶעוֵויינְט אוּנ גֶעפַאסְט, אוּנ מֶען הָאט זִיךְ גֶעקְלֵיידֶעט אִין אַשׁ
אוּנ אִין שְׁטוֹיב, מֶען הָאט גֶעטָאהן גְרוֹיס תְּשׁוּבָה, מֶען הָאט מִתְפַּלֵּל
גֶעוֶועזֶען אוּנ גֶעטָאהן גְרוֹיס צְדָקָה. אוֹיךְ הָאט דֶער חמעלניצקי גֶע-
שְׁרִיבֶּען בְּרִיף צוּא אַלֶע שָׂרִים דָאס עֶר וִויל מִיט זֵייא שָׁלוֹם מַאכֶען,
אוּנ דָאס עֶר הָאט אוֹיף אַלְץ חַרָטָה, אוּנ וָואס עֶר הָאט גֶעטָאהן
אִיז דָאס גָאר גֶעשֶׁעהֶען אוּם נוֹיט כְּדֵי עֶר זָאל זַיין לֶעבֶּען רֶעטִידֶען.
בְּכֵן זָאלֶען זִיךְ שׁוֹין דִיא שָׂרִים אוּמְקֶערִין צוּרִיק אִין זֵייעֶרֶע גִיטֶער
אוּנ אִין זֵייעֶרֶע שְׁטֶעט אוּנ עֶס וֶועט זֵייא שׁוֹין קֵיין בֵּייז גֶעשֶׁעהֶען.
אָבֶּער דִיא שָׂרִים הָאבֶּען אִיהם שׁוֹין נִיט גֶעגְלוֹיבְּט, זֵייא הָאבֶּען
זֵייעֶר גוּט פֶערְשְׁטַאנֶען דָאס עֶר מֵיינְט זֵייא נָאר צוּא בֶּעטְרִיגֶען,
דֶען בְּשַׁעַת עֶר הָאט דָא מִיט זֵייא גֶערֶעט פוּן פְרִידֶען הָאט עֶר
דֶער וַוייל אַלְץ גֶענוּמֶען דָאס גַאנְצֶע שְׁטִיק לַאנְד קְלֵיין רוּסְיָא, אוּנ
אַלֶע אַיינְוואוֹינֶער פוּן דִיא שְׁטֶעט וָואס הָאבֶּען דָארְטֶען גֶעהֶערְט
צוּא דִיא שָׂרִים הָאבֶּען אִיהם גֶעמוּזְט שִׁיקֶען גְרוֹיסֶע צִינְזֶען, אוּנ
זַיין חַיִל הָאט דָארְט גֶעטָאהן אַזֶעלְכֶע מַעֲשִׂים וָואס זַיינֶען נָאךְ גָאר
נִיט גֶעהֶערְט גֶעוָוארֶען, דָארְט הִינְטֶער דֶעם דְנֶעפֶּער, אוּנְטֶער דִיא
יוּדֶען אוּנ אוּנְטֶער פָּאלַאקִין. עֶר הָאט דָארְט פֶערְווִיסְטֶעט אַלֶע בָּתֵּי
תְּפִלּוֹת, אוּנ הָאט מַמִּית גֶעוֶועזֶען זֵייעֶר פִיל כּוֹמָרִים, אוּנ דַאהֶער
הָאבֶּען זֵייא אִיהם שׁוֹין נִיט גֶעגְלוֹיבְּט אִין זֵיינֶע רֵייד, אוּנ הָאבֶּען
גֶעשְׁרִיבֶּען בְּרִיף צוּא דֶעם אַרְצִיבִּיסְקוֹף דָאס הֵייסְט צוּא דֶעם קַאר-
דִינַאל וָואס וַואר דַאן אִין גְנִיזְן וָואס עֶר וַואר דֶענְסְטְמַאל אָנְשְׁטָאט
דֶעם פּוֹילִישֶׁען מַלְכוּת. אִין יֶענֶער צַייט אָבֶּער וַואר קַארְדִינַאל
קאזימיר וָואס עֶר וַואר נָאכְהֶער אוֹיךְ מַלְכוּת אִין פּוֹילִין. עֶס הָאבֶּען

צוא איהם גֶעשְׁרִיבְּעֶן אַלֶע שָׂרִים אונ אַלֶע דוּכְּסִים מִיט אֵיין דֵעָה דָאס עֶר זָאל זֵייא מַאכֶען דֶער וַויילֶע אֵיין פֶּעלְדְמַארְשַׁאל, דֶער מִיט פּוֹילִין זָאל דֶער וַויילֶע נִיט זַיין וִויא אֵיינֶע שְׁטַאדְט שָׁאף אָהְן אַהִירְטֶען. דָא הָאט דֶער קַארְדִינַאל גֶעשִׁיקְט בַּאלְד דִיא בּוּלַאוֶוע דָאס הֵייסְט דִיא מֶמְשָׁלָה אִין דִיא הַאנְד פוּן זאסלאווער דוכוס, וָואס מֶען הָאט אִיהם גֶערוּפֶען וולאדיסלאוו דאמיניק, דָאס עֶר זָאל זַיין דֶער פֶּעלְדְמַארְשַׁאל אִיבֶּער גַאנְץ פּוֹילִין. אונ דֶער דוּכּוֹס וַואר אָבֶּער זֵייעֶר רַייךְ אונ וַואר קֵיין מָאל נִיט גֶעוואוינְט צוּא זַיין אִין אַיין מִלְחָמָה, דֶען עֶר וַואר פוּן דֶער נַאטוּר אֵיין וֵוייךְ הַארְץ, אונ דֶער קַארְדִינַאל הָאט אִיהם גֶעמַאכְט פַאר אַיין פֶּעלְדְמַארְשַׁאל נָאר צוּלִיבּ זֵיינֶע גְרוֹיסֶע עֲשִׁירוּת. אונ דְרוּם הָאט דֶער דוּכּוֹס מֶעהְר גֶעשַׁאדֶעט אֵיידֶער עֶר הָאט פַארְרִיכְט. אונ אֵיין גְרוֹיסֶער אוּמְ-גְלִיק וַואר פַאר דִיא יְהוּדִים אונ פַאר דִיא פּוֹילִין. דֶער קַארְדִינַאל הָאט אֲפִילוּ בֶּעפוֹילֶען דָאס אַלֶע שָׂרִים זָאלֶען זִיךְ אוֹיף זַאמְלֶען צוּ דֶער מִלְחָמָה בִּיז אֵיינֶעם. זֵייא הָאבֶּען אָבֶער גֶעמַאכְט זֵייעֶר פִיל שְׂחוֹת וִויא דֶער שְׁטֵיינֶער אִיז בַּייא דִיא פּוֹילִין דָאס זֵייא צִיהֶען אַיין קְרִיג זֵייעֶר לַאנְג. נִיט אַזוֹיא אָבֶּער וַוארִין דִיא טָאטָערִין, זֵייא הָאבֶּען זִיךְ צוּזַאמֶען גֶעקְלִיבֶּען זֵייעֶר גֶעשְׁוִוינְד אונ וַוארִין אַיין גְרוֹיסֶע מַחֲנֶה.

וַיְהִי כִּשְׁמוֹעַ הַצּוֹרֵר אונ עֶס וַואר וִויא דֶער צוֹרֵר חמעלניצקע הָאט דֶער הֶערְט דָאס עֶס הָאבֶּען זִיךְ צוּנוֹיף גֶעזַאמֶעלְט זֵייעֶר פִיל יְהוּדִים אִין דֶער שְׁטָאט נעמרוב, אונ הָאבֶּען מִיט זִיךְ גֶעבְּרַאכְט זֵייעֶר פִיל גָאלְד אונ זִילְבֶּער, אונ חוּץ דָאס וַואר דִיא שְׁטָאט נעמרוב אַלֵיין אוֹיךְ זֵייעֶר רַייךְ, אונ וַואר אֵיינֶע גְרוֹיסֶע קְהִלָּה פוּל מִיט לוֹמְדִים אונ סוֹפְרִים אונ זֵייעֶר פְרוּם. דָא הָאט גֶעשִׁיקְט דֶער חמעל-ניצקי אֵיינֶעם פוּן זֵיינֶע אַפִּיצִירֶען וָואס עֶר וַואר אוֹיךְ אַיין גְרוֹיסֶער צוֹרֵר הַיְהוּדִים. עֶר הָאט אִיהם גֶעשִׁיקְט דָאס עֶר זָאל בַּאלֶעגֶערִין דִיא שְׁטָאט מִיט זֶעקְס הוּנְדֶערְט מַאן וָואס וַוארִין אַלֶע מִיט בְּלוֹיזֶע

שווערד , אונ האט דוך איהם געשריבען אבריף צו דיא שרים אונ צו דיא שופטים וואס ווארין דארטין אין שטאט , דאס זייא זאלען זייא זיין צוא הילף אונ זאלען זייא איבער געבען דיא שטאט. דיזער פלאן איז געפעלען געווארען דיא פוילין , אונ זיינען מרוצה געווארען צוא דעם חמעלניצקי ממלא צוא זיין זיין רצון , אונ דאס האבען זייא נור געטאהן ווייל זייא ווארין גרויסע שונאים דיא יהודים .

ויהי אונ עס וואר אין דעם טאג פון כ׳ סיון זייגען אונטער גיקומען דיא קאזאקין לעבען דער שטאט נעמראוו. דיא יודען האבען זייא דער זעהען פון ווייטין אונ האבען זיך זייער דערשראקין דאך האבין זייא אין אנפאנג ניט געוואוסט צוא זייגען זייא פון דיא פוילישע אדער פון דיא קאזאקין. נון פון אלסדינג וועגין האבען זייא זיך אלע בעהאלטען אין פעסטונג מיט זייערע ווייב אונ קינדער אונ מיט זייער גאנצין פארמעגען אונ האבען דעם פעסטונג גאנץ שטארק פערשפארט מיט טויערין אונ מיט ריגלען אונ האבען געהאט בדעה מלחמה צוהאלטען אנטקעגין דיזען חיל באם זייא זייגען קאזאקין. דיא קאזאקין אבער האבען זיך געמאכט פאנען וויא דיא פוילישע אונ עס וואר גאר אונמיגליך צוא דער קענען דאס זייא זייגען קאזאקין ווייל באמת האבען זיך אין יענער צייט דיא פאלאקין גאנץ פערגלייכט מיט דיא קאזאקין הן אין זייערע מלבושים הן אין זייער שפראך. עס איז מעהר ניט געוועזען אונטער צושיידען גאר אין דיא פאנען. אונ דיא פאלאקין דיא שטאט לייט וואס האבען גאנץ גוט גיוואוסט פון דיזער בעטרוג אונ פאלשקייט האבין זייא גישריען צוא דיא יהודים וואס ווארין אין פעסטונג עפינט אויף דיא טויערין אונ לאזט אריין דעם חיל צוא אייך דען זייא זייגען פוילישע וואס זייגען געקומען אייך צוא שיצין פון אייערע פיינד. אונ דיא יודין וואס ווארין אויף דעם טויער אונ האבין געזעהען זייערע פאנעס האבין געמיינט באמת דאס זייא זיינען פוילישע, האבין זייא אויף

נעעפינט

געשפיגט פאלד דעם טויער אונ דיא קאזאקן זיינען אריין אין פעסטונג מיט בלויזע שווערדין אונ דיא שטאט באוואוינער פאלאקן אויך מיט זייא בעוואפענט מיט שווערד אונ מיט שפיזען מיט קאסטען אונ מיט קיילען אונ האבען געהרגת זייער פיל יהודים. זייא האבען מענה געוועזען דיא ווייבער אונ דיא בתולות. פיל ווייבער האבען זיך דער טרונקען: עס האבען זיך פיל מאל שפארשון אריין געווארפען אין וואסער אונ האבין זיך געוואלט ראטעווען מיט שוויטען דיא גרעקין אבער אונ אויך דיא שטאט לייט האבען נאך זייא כאפ געשוואמען. אונ האבען זייא נעהרגת מיט שווערד אונ מיט קיילען אויך מיט ביקסען אונ האבען זייער בלוט פארגאסען ביז דיא וואסער וואר רויט פון בלוט. צווישען דיא יהודים וואר אויך דער ראש ישיבה מען האט איהם אנגערופען ר׳ יחיאל מיכל בן הגאון מוהר״ר אליעזר ז״ל וואס ער האט געקענט כל התורה אויסווייניג אונ וואר קלאר אין אלע חכמות פון דער וועלט. ער האט פאר דעם עולם נידרשט אין דעם שבת וואס וואר פאר דיא גזירה אונ האט זייא פאר זאגט דאס זייא זאלין מקדש השם זיין אויב דער שונא וועט קומען, אונ ניט ממיר דתם זיין אונ אזויא האבין זייא טאקע גיטאן. ער אליין איז אויך אריין געשפרונגען אין וואסער אונ האט געמיינט זיך מציל צוא זיין דורך שווימען האט איהם אבער אן געטאפט אגרעק אונ האט איהם געוואלט הרגנן דא האט איהם געזאגט דער גאון דאס ער וועט איהם זייער רייך מאכין אויב ער וועט איהם לעבין לאזין דא האט דער גרעק איהם געפאלגט אונ האט איהם ניט נעהרגת. דער גאון האט איהם אוועק געפירט צוא זיך אהיים אין האט איהם געוויזען דעם ארט וואו עס ליגט באהאלטען זיינע געלד אונ זילבער אונ דער קאזאק האט איהם אוועק געלאזען אונ האט איהם גילאזט לעבען. נון איז דער גאון אוועק מיט זיין מוטער אונ האבען זיך באהאלטען דיא גאנצע נאכט ביז טאג אין אשטוב. אונ אויף מארגען כ״ב סיון האבען דיא גרעקין גיזוכט אין דיא הייזער

אום

אום צוא זעהען צוא האפין זיך ניט בעהאלטין דארטין יהודים, איז דער גאון מיט דיא מיבער ארוים געלאפען פון שטוב אונ זיינען געלאפען צוא דעם בית עולם כדי או זייא וועלין גע הרגנת ווערין זאלין זייא בלייבין ליגען צוא וויסען קברי ישראל אונ זייא וועלין נאך דעם קומען צוא דער קבורה. אונ עס וואר ווייא ער וואר שוין ניט ווייט פון בית עולם איז נאך איהם נאך געלאפען אגרעק פון דיא שטאט איין וואוי, ער וואר וואס ער וואר איין שוסטער אונ האט דעם גאון געשלאגען מיט זיין שטעקין זייער שטארק. דא האט איהם דעם גאונס טוטער געבעטין דאס ער זאל בעסער איהר פריהער דער שלאגען, האט ער איהר ניט געפאלגט, אונ האט פריהער געהרגנת דעם גאון ז״ל אונ דער נאך איהר. אין דרייא טעג ארום האט איהם זיין ווייב מקבר געווען. דען אין אלע ערטער וואו עס וואר גאר גזירות האבען דיא קאזאקין געלאזט לעבען דיא פרויען. זייא האבען פון זייא מעהר ניט געהרגנת דיא אלטע אונ דיא קראנקע. מעשה שם בריבה אחת יפת תואר עס וואר אגעשיכטע מיט אשיינע בתולה וואס זיא וואר אגרויסע מיוחסת אונ אויך זייער רייך, אונ זיא וואר געפאנגען ביא איינעם קאזאק. ער האט זיא גענומען פאר אווייב, אונ עס וואר איידער ער איז מיט איהר צוזאמען גע-קומען, האט זיא צו איהם געזאגט מיט גרויס חכמה דאס זיא ווייס איין סגולה דאס עס זאל איהר ניט שאטען קיין כלי זיין, אונ ווען דוא ווילסט מיר עס ניט גלויבען פרוב אויף מיר אליין מיט דיין ביקס אונ עס וועט מיר ניט שאטען. דער קאזאק האט געמיינט דאס איהרע רייד איז אמת, אונ ער האט אויף איהר אויס געשאסען מיט זיין ביקס גאר ניט געמיינטערהייד, אונ דיא בתולה איז געבליבען ליגין אויף דער ערד טויט. זיא איז אומגעקומען אויף קדוש השם דאס דער קאזאק זאל איהר ניט מטמא זיין.

עוד מעשה בריבה אחת ווידער וואר אגעשיכטע מיט אבתולה, וואס זיא וואר גענומען געווארען צו אקאזאק פאר אווייב, זיא האט

איהם

איהם געבעטען דאס ער זאל מיט איהר סלופ האבען אין אקלויסטער וואס הינטער דעם בריק אונ ער האט איהר נעפאלגט. ער האט איהר אהין געפירט מיט פויקין אונ מיט טענץ. אונ עס וואר וויא זיא איז געקומען צו דעם בריק איז זיא אביין געשפרונגען אין וואסער אונ איז אומגעקומען אויף קדוש השם. גאט זאל זיך נוקם זיין פאר איהר בלוט. אזעלכע געשיכטין האבען זיך זייער פיל געטראפען דאס עס איז ניט מעגליך אלץ אויף צו שרייבען. עס זיינען אין שטאט נעמראוו אומגעקומען מעהר אלס זעקס טויזענד נפשות מיט מיתות משונות, אונ דיא וואס זיינען אנטרונען געווארען פון נעמראוו זיינען אנטלאפען געווארען אין דער קהלה טולטשין, ווייל דארטען וואר אונטער' דער שטאט איין גרויסער פעסטונג.

## נון וועלען מיר בעשרייבען דיא גזירה פון דער קהלה טולטשין:

נאך דעם וויא דיא רשעים האבען געטאהן גענוג בייזעס אין דער שטאט נעמראוו, האבען זייא זיך צוזאמען געקליבען אבאנדע פון צעהן טויזענד ריקים, זייער הויפט מאן וואר איין געוויסער צורר קריוונאס ימח שמו וזכרו, אונ זיינען אוועק קיין טולטשין, ווייל דארטין אין פעסטונג וואַרין זעקס הונדערט פוילישע זעלנער, אויך וואַרין דארטין איין ערך פון צוויא טויזענד יהודים, איין טהייל פון דיא יהודים וואַרין אויך גרויסע העלדען אונ געלערינט זייער אין דער מלחמה. אונ דיא שרים האבען מיט דיא יהודים כורת ברית געוועזען צווישען זיך דאס זייא זאלען העלפין איינער דעם אנדערין זאלין זיך בלייבען טרייא וויא ברידער. זייא האבען ארום געזעהען דעם פעסטונג אונ האבען איהם זייער געשטארקט, אונ זיינען גע-שטאנען צוזאמען געוואפענט אויף דעם טויער אונ האבען געשאסין אויף דיא שונאים, ווען זייא פלעגין זיך נאר וואגען צו צו גיין נעהענטער צוא דעם טויער, אונ האבען זייער פיל פון זייא געטייט

אונ.

און זיי זיינען אנטלאפען פאר די יהודים. און דיא יהודים האבען זיך וויפיל מאל געשטארקט און האבען זייא נאך געיאגט און האבען פון דיא קאזאקין געהרגת וויפיל מאות. דא האבען זיך דיא קאזאקין צוזאמען געקליבען מיט אלע דארף לייט לאלפים און לרבבות, און האבען מיט זיך געבראכט גרויסע אייזערנע מאשינען וואס מען רופט עס דיא אייזערנע ווידער און עס איז געמאכט געווארען נאר צו ברעכען דער מיט דיא מויערין, און האבען פלוצלונג אנגעהויבען צוא שטרייטען אויף דעם פעסטונג מיט גרויס לארעם וויא דיא מאדע וואר ביא דיא קאזאקין, און דאס פאלק וואס וואר אויף דיא מויערין האבען זיך זייער דער שראקען, און דאך האבען זייא זיך געשטארקט און האבען געשאסען אויף דיא קאזאקין, און האבען זייא ניט געלאזט צו טרעטען צום מויער, און דיא שונאים זיינען אנטלאפען פאר דיא ישראל אויך דעם מאל. דא האבען זיך דיא גרעקין מישב געוועזן און האבען געשיקט אבריף פון שלום צוא דיא פוילישע שרים וואס זיינען אין פעסטונג. זייא האבען זייא געשריבען דאס זייא ווילען מיט זייא שלום מאכען, נאר באופן דאס מען זאל זייא אוועק געבען דיא איינגעסין פון יהודים. און דיא שרים האבען דערצו מסכים געוועזן, און האבען געשיקט איינעם פון זיך צוא דיא יהודים, אפ צו נעמען פון זייא דיא געווער. דא האבען דיא יודען פארשטאנען אז דא איז שוין אפאלש, דרום האבען זייא געוואלט פריהער פאר אלין ממית זיין דיא שרים, און דער נאך זיך שטעלין שטרייטין אנטקעגין דיא גרעקין, ווייל דיא שרים האבען דאך מפיר געוועזן זייער ברית. עס וואר אבער דארטין דער גאון מהור"ר אהרן וואס ער וואר אויך דער ראש הישיבה פון דער שטאט טולטשין, דא האט ער געזאגט צו דיא יהודים דיזע ווערטער: הערט מיר צו מיינע ברידער, מיר יודען זיינען דאך דער מדינה אין גלות צווישען גוים, און אז מיר וועלען ממית זיין דיא שרים וועט עס זייער פארדריסען אלע

קאטוילישע

קאטוילישע מְלָכִים, וָועלין זַייא זִיךְ גְעווִיס נוֹהֵג זַיין אִין דֶעם כְּלַל יְהוּדִים וָואס וואוינען בַּייא זַייא אִין דִיא לֶענְדֶער. דְרוּם אִיז מֵיין עֵצָה טוֹבָה אוֹיב דָאס אִיז אַגְזַר מִן הַשָּׁמַיִם דָאס מִיר זָאלֶען דָא פַארְלָארִין וָוערִין, דַארְפֶען מִיר עֶס אוֹיף זִיךְ מְקַבֵּל זַיין מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה. מִיר זַיינֶען נִיט טַייעֶרֶער פַאר אוּנְזֶערֶע בְּרִידֶער וָואס וַוארִין אִין דֶער קְהִלָּה נֶעמְרַאווּ. אוּנ פִילַייכְט וָועט גָאךְ גָאט אוּנְז גֶעבֶּען צוּא רַחֲמָנוּת אִין דִיא אוֹיגִין פוּן אוּנְזֶערֶע שׂוֹנְאִים, אוּנ וָועלֶען צוּא נֶעמֶען פוּן אוּנְז אוּנְזֶער פֶערְמֶעגֶען. אוּנ אוּנְז אַלֵיין וָועלין זַייא לָאזִין לֶעבֶּען. ויעכעו אליו בני ישראל אוּנ דִיא יְהוּדִים הָאבֶּען אִיהם גֶעפָאלְגְט אוּנ הָאבֶּען אַרַיין גֶעבְּרַאכְט זַייעֶר גַאנְצֶען פַארְמֶעגֶען אִין דֶעם הוֹיף פוּן דֶעם פֶעסְטוּנְג: ובשבאו הגרעקן הצוררים אל המבצר אוּנ ווִיא דִיא גְרֶעקִין דִיא צוֹרְרִים זַיינֶען אַרַיין אִין פֶעסְטוּנְג הָאט צוּא זַייא גֶעזָאגְט דֶער הוֹיפְּט מַאן פוּן אַלֶע פּוֹילִישֶׁע שָׂרִים וָואס וַוארִין דָארְטִין, אוּנ דָאס ווַאר דֶער דוּכּוֹס טְשְׁווערְטְשִׁינְסְקִי, נוּן דָא הָאט אִיהר אַייעֶר גַאנְצִין פֶערְלָאנְג. דָא הָאבֶּען דִיא גְרֶעקִין צוּ גֶענוּמֶען דִיא אַלֶע עֲשִׁירוּת אוּנ דִיא יְהוּדִים הָאבֶּען זַייא גֶעהֵייסֶען פַאר ווַאכִין. דָא ווַארִין דִיא יְהוּדִים אִין אַגְרוֹיסֶע מְבוּכָה, דֶען זַייא הָאבֶּען נִיט גֶעווּאוּסְט צוּא וָועט מֶען זַייא לָאזִין לֶעבֶּען אָדֶער נִיט. ויהי ביום השלישי בהיותם כואבים אוּנ עֶס ווַאר אוֹיף דֶעם דְרִיטֶען טָאג ווִיא זַייא ווַארִין דָא אַזוֹיא שְׁטַארְק בֶּעזָארְגְט הָאבֶּען גֶעזָאגְט דִיא גְרֶעקִין צוּ דִיא שָׂרִים דָאס מֶען זָאל זַייא אַרוֹיס גֶעבִּין דִיא יְהוּדִים. דָא הָאבֶּען זַייא דִיא שָׂרִים אַרוֹיס גֶעשְׁטוֹיסֶען דִיא יְהוּדִים פוּן דֶעם פֶעסְטוּנְג. אוּנ דִיא גְרֶעקִין הָאבֶּען זַייא אַיין גֶעשְׁפַּארְט אִין אַיין גֶעשְׁלָאסֶענֶעם גָארְטֶען, כְּדֵי זַייא זָאלֶען נִיט אַנְטְלוֹיפֶען אוּנ זַייא ווַארִין דָארְט אַיין גֶעשְׁפַּארְט אַלַאנְגֶע צַייט. עֶס ווַארִין אָבֶּער אוּנְטֶער זַייא דְרַייא גְאוֹנִים, אַיינֶער דֶער גָאוֹן מהור"ר אליעזר, אוּנ דֶער צְווייטֶער ווַאר דֶער גָאוֹן מהור"ר שלמה, אוּנ דֶער דְרִיטֶער ווַאר דֶער גָאוֹן מהור"ר חיים. דִיא דְרַייא קְדוֹשִׁים הָאבֶּען מַזְהִיר גֶעוֶועֶן דָאס פָאלְק דָאס זַייא זָאלֶען מְקַדֵּשׁ

השם זיין, אונ זאלין ניט בשום אופן ממיר דת זיין, אונ דיא יהודים שלע האבען זייא געענטפערט דיא ווערטער (שמע ישראל ה' אלהינו ה' אחד). אונ עס וואר וויא זייא האבען אויף זיך מקבל געוועזען אום צוא קומען אויף קדוש השם, איז געקומען צוא זייא איינער פון דיא גרעקין אונ האט אריין געשטעקט אין דער ערד אפאנע אונ האט אויס גערופען דיזע ווערטער: וועהר פון אייך עס וועט ממיר דתו זיין דער וועט בלייבען לעבען אונ זאל זיך זעצין לעבין דיזע פאנע. עס האט איהם אבער ניט איינער פון דיא יהודים דערויף געענטפערט. דער גרעק האט אויס גערופען אזויא דרייא מאל אונ קיינער האט איהם אלץ ניט געענטפערט ניט איין ווארט. דא האט ער אויף געעפענט דעם גארטען אונ דיא גרעקין זיינען אין איהם אריין געגאנגען מיט גרויס צארין, אונ האבען פון זייא אויס געהרגת פופצעהן הונדערט מענשען מיט מיתות משונות, אונ האבען אויך געהרגת דיא דרייא גאונים. אונ צעהען רבנים האבען זייא אנגעטאן קייטין אויף דיא פיס אונ האבען זייא אריין געזעצט אין תפיסה, אונ האבען זייא געזאגט דאס זייא וועלען זייא ניט ארויס לאזין ביז זייא וועלען זיך אויס לייזין מיט צעהען טויזענד גילדין. איינער פון דיא רבנים וואר אויך דער גאון רבי אהרן וואס ער וואר דער זון פון דעם גאון מהור"ר מאיר דער ראש ישיבה פון דער שטאט לבוב. דער רבי מאיר וואר איין גרויסער עושר אונ דיא טאטערין האבען זייער גוט געוואוסט דאס ער וועט זיין זון אויס לייזין אונ וועט געבען וויפיל זייא וועלען נאר פאר איהם בעטען:

אדר הריגת היהודים אונ עס וואר נאך דעם וויא זייא האבען דיא יהודים געהרגת האבען דיא גרעקין צו געטראטען צוא דעם פעסטונג אום צו שטרייטען מיט דיא שרים. דא האבען דיא שרים געזאגט צו דיא טאטערין, איהר האט דאך מי[illegible] אונז כורת ברית געוועזען ווארום ווילט איהר איצונד אייער ווארט ברעכען? האבען זייא דיא גרעקין געענטפערט, מיר וועלען זיך מיט אייך בעגיין

ווייא

וויא איהר האט אייך בעגאנגען מיט דיא יהודים, דען איהר האט זייא אויך קיין ווארט ניט געהאלטען. דא האבען דיא פאלאקין אנגעהויבען צו שיסען אויף דיא טאטערין פון מויער. דיא גריקין האבען אבער זיך געקליגט אונ האבען דעם פעסטונג פאר ברענט אין פייער, אונ האבען געהרגעט אלע שרים, אונ פריער האבען זייא געהרגעט דעם דוכוס וואס ער וואר דער הויפט מאן פון דעם פעסטונג, אויך האבען דיא טאטערין מענה געוועזען זיין ווייב אונ זיינע צוויא טעכטער פאר זיינע אויגין. אונ דער נאך האבען זייא זיך אן איהם אליין זייער שטארק נוקם געוועזען. איינער פון דיא שונאים וואס וואר אמאל בייא איהם איין קנעכט אונ וואר פון איהם געשלאגען מיט גרויס אכזריות כמה וכמה מאל האט זיך זייער לוסטיג געמאכט איבער איהם. ער האט אין געלעכטער אראפ גענומען פאר איהם דיא היטיל אונ האט צוא איהם געזאגט: נון וואס וועסט דוא איצטער איבער מיר באפעלין, אונ האט אויך אוים גערעכענט פאר איהם אלע עבודת פרך וואס ער האט אוים געטאהן מיט איהם. אונ וויפיל מאל ער האט איהם געשלאגען געשמיסען. אונ דער נאך אז ער האט זיך מיט איהם גוט אוים גערעכענט האט ער איהם מיט איין זעג אב געזעגט דיא קאפ אויף דעם שטועל פון טיהר. נון וואר דעם שר בעצאלט פון דעם בורא ברוך הוא מדה כנגד מדה פאר וואס ער האט איבער געענטפערט דיא אומשולדיגע יהודים אין דיא הענט פון דיא שונאים. ווער עס האט נאר דער פון געהערט, דער האט גאר קיין צער ניט געהאט. נאר דיא שרים פון פוילין אליין האבען מצדיק געוועזען דעם דין אויף זיך אונ האבען געזאגט דער פאר זיינען זייא נהרג געווארען. גאט פארשט דיא בלוט פון דיא יהודים פון אונזערע הענד. מן היום ההוא והלאה פון יענער צייט אן אונ ווייטער האבען דיא שרים זיך געהיט צוא טאהן אזעלכע זאכען. אונ האבען שוין ניט געוואלט גלויבען דיא שבועות פון זייערע שונאים וואס זייא האבען נאך דעם אויך

וויפיל מאל געשוואָרען דאס זייא מיינען גאר ניט דיא שׂרים נאר דיא יהודים אליין. אונ ווען ניט דאס וואָלט שוין חלילה ניט גע־בליבען אשׂריד ופליט פון דיא יהודים אין דיא לענדער. געלויבט איז זיין נאָמען וואס איז זיך מרחם איבער זיין פאָלק אין זייער נויט.

ויהי אחר שלשה ימים להריגה אונ עס וואר אין דרייא טעג ארום נאך דער הריגה האבען דיא גרעקין געלאזט אויס רופען דאס יעדער יהודי וואס איז געבליבען לעבען זאל זיך שוין ניט פארכטין אונ מעג זיך באווייזין ווייל זייא האבען זיך שוין גענונג נוקם געוועזען. דא האבען זיך באוויזין איין ערך פון דרייא הונדערט מענשען וואס זיינען געוועזען פאר קראכין צווישען דיא הרוגים. זייא וואָרין אבער זייער הונגעריג אונ דארשטיג אויך צוא קיילט אונ צוא בייילט קאם וואס זייא האבען געלעבט. זייא האבען זיך אריין געשלעפט אין שטאט נאקעט אונ בארפוס. אונ דיא גרעקין האבען געהאט מיט זייא מיטלייד, אונ האבען מיט זייא גוטס געטאהן אונ האבען זייא פרייא געלאזען.

ויהי אחר שמלאו רעתם בעיר טו״טשין אונ עס וואר נאך דעם וויא זייא האבען אבגעטאהן אלדאס בייז אין דער שטאט טולטשין, האבען זיך דיא רויבער אום געקערט אהיים מיט זייער פיל רויב, מיט גאלד אונ זילבער, מיט פעריל אונ בורלאנטען וואס זייא האבען עס אלין אנגערויבט בייא דיא שׂרים אונ בייא דיא יהודים, אויך האבען זייא מיט געשלעפט זייער פיל שיינע ווייבער אונ בתולות אידעשע אונ פוילישע. אויך האבען זייא מיט זיך גענומען דיא צעהען רבנים.

ויהי כאשר שמעו הדוכסים אונ עס וואר וויא עס האבען דער הערט דיא שׂרים אונ דיא דוכסים נאר דיא בייז וואס דיא גרעקין האבען געטאהן אין דער שטאט נעמראוו אונ אין דער שטאט טולטשין האבען זייא זיך זייער דערשראקין אונ האבען זיך געוואלט נוקם זיין פאר זייער פאלק אונ דרום איז בייא זייא גע ליבען דאס

עס זאלין זיך צוזאמען קלייבען אלע שרים צוזאמען אונ מען זאל
גיין מלחמה האלטין מיט דיא קאזאקין. ויצו שר הצבא דא האט גע־
הייסען דער פעלד מארשאל אין דעם נאמען פון דעם קארדינאל
דאס מען זאל אויסרופען אין דאס גאנצע לאנד פון פוילין דאס
יעדער שר וואס ער איז נאר איינגעשריבען אין שלאכעבנע פראווע
מוז קומען צוא דער מלחמה אדער ער זאל שיקען זיינעם אקגעבט
אן שטאט איהם. אויך דער דוכוס ווישנוועטצקי ז"ל וואס ער וואר
דעגעסטמאל מיט זיין חיל אין ליטא האט זיך זייער מצער געוועזן
אויף דיא מעשים רעים וואס עס איז גיטאהן געווארין איבער דיא
יהודים וואס ווארין אין דער שטאט נעמראוו דען זיא וואר זיין שטאט.
דא האט ער זיך צוגעקליבען מיט זיין חיל דרייא טויזענד מאן אונ
איז געגאנגען קיין נעמראוו אום זיך דארט נוקם צוא זיין אן דיא
הריגים פאר דיא יהודים. דיזער דוכוס האט געשווארען דאס ער
ווערט ניט רוהען אונ ניט ראסטען ביז ער וועט זיך וואשין אין דיא
בלוט פון זיינע פיינד וואס האבין מחריב געוועזן זייער פיל מקומות
וואס געהערין צוא איהם אויף יענעם זייט דניעפער. אונ עס וואר
אז ער איז שוין ניט געוועזן ווייט פון נעמראוו האט ער אהין גישיקט
עטליכע הונדערט מאן פון זיין חיל אונ האט פון דיא גרעקין וואס
האבען געוואוינט דארטען אין שטאט ממית געוועזן זייער פיל.
נון אבער האבען איהם דיא איבעריגע גרעקין וואס זיינען געבליבען
אין נעמראוו זייער בעטראגין. זייא האבען צוא איהם געשיקט
זאגען דאס זייא ווילען איהם בלייבען טרייא אונ האבען איהם אויך
געשווארען דאס זייא וועלין האלטין מלחמה, ער זאל זייא נאר שיקען
עטליכע הונדערט מאן פון זיין חיל אין צו היטין זייא פון דיא קאזאקין
אונ פון דיא טאטערין, זייא וועלען צוזאמען מיט זיינע זעלנער
שטרייטען אנטקעגין זיינע שונאים. אונ דיזע זאך איז איהם זייער
געפעלען אונ האט צוא זייא געשיקט גרויסע שרים, אונ מיט זייא
נוארין אויך זעקס הונדערט מאן גרויסע העלדין, אונ דיא שטאט

לייט האבען זייא אויף גענומען מיט גרויס כבוד. אונ אין עטליכע טעג ארום האבען זייא געשיקט צוא דיא קאזאקין זאגען דאס זייא זאלען קומען ביי נאכט לעבין שטאט אונ זייא וועלין זייא עפענען שטילערהייד דיא מויערין. אונ אזויא וואר עס אויך טאקע געשעהן אונ האבען געהרגת אלע שרים בשעת זייא זיינען נאך געלעגען אויף זייערע בעטען, אונ דאס גלייכען דיא גאנצע פוילישע חיל, אונ האבען גענעבען זייער פיל געלד דיא גרעקין דאס זייא זאלען בלייבען אין שטאט אונ זאלען זייא היטען פון דיא פוילישע שרים.

ויהי כשמוע הדוכס אונ עס וואר ווייא דער דוכס האט דערהערט דיא גאנצע געשיכטע, האט ער שוין מורא געהאט צו שיקען קיין נעמראוו פון זיינע לייט אום זיך דארט אן זייא נוקם צוא זיין. ער האט אוועק געצויגען מיט זיין פאלק אין אנדערע מקומות וואס זיינען דארטען דא קאזאקין. ער איז געקומען קיין מאחנאווקע אונ האט דארטען מכית געוועזען זייער פיל גרעקין, אונ אלס דער המעלניצקי ימח שמו האט הערט דאס דער דוכס ווישנעוועצקי גייט אנטקעגין זיין ארמייא אונ שלאגט אוים פון זיין חיל זייער פיל אונ ער אליין האט גאנץ ווייניג מענשען נאר דרייא טויזענד מאן, האט ער אנטקעגין איהם געשיקט זיין פעלדמארשאל דער צוהר קריוואס מיט צעהען טויזענד מאן גרויסע גבורים, אונ האט זייא פאר זאגט דאס זייא זאלען זעהען מיט אלע מעגליכקייט צוא בעקומען דעם דוכס לעבענדיגערהייד, נאר נאט ברוך הוא האט איהם איין געהיט. נ״ר ווייא דער דוכס האט דער הערט דאס א גרויסע מחנה פון גרעקין ציהען זיך איהם אנטקעגין פון אלע זייטען האט ער פון דער שטאט מאחנאווקע אבגעצויגען אונ איז אוועק קיין בארדיטשוב, אונ דארט איז געוועזען דר וואיעוואדע שישקעוויץ אונ האט ביי זיך געהאט טויזענד מאן חיל אונ האבען זיך ביידע פאראייניגט, נון האבען זייא שוין געהאט צוואנציג פיר טויזענד מאן, אונ האבען אנגעהויבען צוא ציהען אנטקעגין פוילין, ווייל

זייא

זייא האבען געשריבען צו דעם דוכוס וולאדיסלאוו וואס ער וואר דענסטמאל פעלדמארשאל פון פוילין דאס ער זאל זייא אונטער שיקען חיל, דער פעלדמארשאל האט אבער בכיון שהיות געמאכט אונ האט זייא קיין חיל אונטער געשיקט, ווייל ער וואר אגרויסער שונא דעם ווישנעוועצקען ווייל ער איז מעהר העלד פאר איהם געוועזען, אונ דאס גאנצע פאלק פון פוילין האבען געוואלט בעסער איהם מאכען פאר איין פעלדמארשאל אונ כמעט אויך פאר איין מלך. דרום האט דער וולאדיסלאוו געמאכט שהיות מיט דעם צושיקונג צו איהם חיל, כדי דער דוכוס זאל דויר ווייל אריין פאלען אין דיא הענד פון דיא קאזאקין וועט ער פון איהם פטור ווערען. וילכו שניהם יחדיו אונ דער דוכוס איז דער ווילע געגאנגען מיט דעם וואיעוואדע מיט דעם גאנצען חיל וואס זייא האבען געהאט צוזאמען ביז זייא זיינען געקומען אמייל פון דער שטאט פאלנאה, אונ דיא קאזאקין מיט דיא טאטערין צוזאמען זיינען נאך זייא נאך געגאנגען אגרויסע מחנה פון צוואנציג טויזענד מאן, אונ זיינען געגאנגען באלעגערין דיא שטאט פאלנאה.

## נון וועלען מיר דא דערציילען דיא גזירה פון דער שטאט פאלנאה:

ויהי ביום השלישי אונ עס וואר אום דינסטאג איין טאג אין חדש אב זיינען געקומען דיא טאטערין אונ דיא גרעקין לעבין דער שטאט פלנאה אום עס צוא באלעגערין. זייא האבען געהאלטען מלחמה מיט דער שטאט אונ האבען איהר ניט געקאנט איין נעמען ווייל דיא שרים אונ דיא יהודים האבען אויף זייא נישאסין פון דיא מויערין. עס וואַרין זייערע דארט צוויא טויזנד פון דיא פוילין אונ פון דיא יהודים צוועלף טויזענד אונ עס האבען זיך אונטער זייא געפונען גרויסע גבורים. אויך וואר דיא שטאט ארום גענומען מיט

אגרוים

אַגרוים וואַסער אונ מען האַט דיא שְׁטאַט ניט גידאַרפט היטען מעהר ניט וויא פון איין זייט וואַס עס איז געוועזען נאָהענט צוא יענע צוייא ערטער וואַס עס האָבען דאָרטען געוואוינט דיא גְרעקין דרום האָבען דאָרטען דיא שָׂרִים גישטעלט זייערע קנעכט דאַס זייא זאָלין יענע זייט גוט איינהיטען. דיא קנעכט אָבער וואַרען פאַלש, דען זייא וואַרין אויך פון דיא משפחות גְרעקין וואַס מען האַט זייא גערופען אויף פויליש מיט דעם נאָמען היידוקען אונ דרום האָבען זייא אויך בלאַט געשלאָסען מיט דיא גְרעקין. אונ מיטוואָך דעם אַנדערין טאָג אין אָב האָבען דיא שׂוֹנְאִים בעצוואוּנגען יענע צוייא ערטער וואַס עס האָבען דאָרט געוואוינט דיא גְרעקין אונ זייא האָבען מיט זייא געמאַכט איין האַנד מלחמה צוא האַלטען אַנטקעגין דער שטאַט אונ האָבען מיט דיא פוילין אינ מיט דיא יְהוּדִים געשטריטען מיטוואָך דעם גאַנצען טאָג. אונ דרום האָבען דיא גְרעקין געשריען צוא דיא היידוקעס אונ האָבען צוא זייא גזאָגט: מיר זיינען דאָך איינענע ברידער, דען איהר קומט דאָך אַרויס פון גְרעקין, נון וואָרום זאָלט איהר העלפען דיא שָׂרִים אונ דיא יְהוּדִים אינ איהר שטרייט אַנטקעגען אונז. עס איז דאָך פאַר אייך פיל גלייכער דאַס איהר זאָלט אונז דינען איידער איהר זאָלט דינען דיא פרעמדע שָׂרִים. נון האָבען דיא היידוקען באַלד מוֹרֵד געווען אונ האָבען זיך געמאַכט כלומרשט אַזויא וויא זייא וואָלטען שטרייטען מיט דיא גְרעקין אונ האָבען זייא גילאָזט דער ווייל דיא גְרעקין דאַס זייא זאָלען שטעלין לייטער בייא דיא מויערין אונ דער פעסטונג איז בעצוואוּנגען געוואָרען אום דאָנערשטאָג אונ אין דער זעלבינע מינוט זיינען אַריין אין פעסטונג וויא פיל טויזינד גְרעקין מיט בלוטיגע שווערד אונ האָבען אָן גיהייבען צוא טייטען דאַס פאָלק. אונ עס וואַר וויא דיא שָׂרִים האָבען גיזעהען דאַס דער פעסטונג איז שוין אין דיא הענד פון דיא גְרעקין אונ עס איז שוין זיך גאָר ניט צו העלפען, האָבען זייא זיך אַרויף גענאָפט אויף

זייערע

זייערע פערד אונ זיינען אנטלאפען געווארען. דיא יהודים אבער אונ דיא אביונים וואס האבען איין געהיט דיא שטאט זיינען אלע אומגעקומען אויף קדוש השם, דען מען האט זייא ניט געלאזען אנטלויפען, צעהען טויזענד נפשות זיינען אין דער שטאט אומגעקומען דורך מתות משונות. זייא האבען אליין אוים געשטעלט זייערע העלזער וויא נאר איין גרעק איז אריין אין אשטוב וואס וואריין דארט אויך וויא פיל הונדערט נפשות אונ ער האט זייא אלעמען אוים געשאכטין אונ זייא האבען זיך גאר ניט געווערט קעגען איהם. ווייל זייא וואריין גאר אן מוט: והיה בתוכם עס וואר אונטער דיא יהודים איין געוויסער קלוגער מענטש אונ איין גרויסער מקובל וואס מען האט איהם גירופען רבי שמעון אויסטרעפאלער. ער וואר אזויא הייליג דאס אמלאך פלעגט צוא איהם קומען אלע טאג אונ פלעגט מיט איהם צוא לערנען כתרי תורה. אויך האט דער מקובל גימאכט איין פירוש אויף דעם ספר הזוהר הקדוש נאך דעם גאנג פון דעם ר׳ יצחק לוריא קבלת, נאר דער דור האט ניט זוכה געווען דאס צוא לערנען. נון האט איהם דער מלאך איין מאל געזאגט מיט איין צייט פריער פאר דיא גזירה דאס דער עולם זאל זעהען צוא טאן תשובה כדי דיא גזירה זאל ניט קומען אזויא שטארק. דא האט דער רבי שמעון זייער שטארק געשטראפט דעם עולם אונ האט זייא מעורר גיווען צוא תשובה אונ דער עולם איז טאקע געווארען זייער פרום אונ האבען געטאהן גרוים תשובה. עס האט אבער בעונותינו הרבים נאר ניט געהאלפען, ווייל עס איז שוין ל.נג נחתם געווארען דער גזר דין. יכאשר באו האויבים אונ בשעת דיא שונאים האבען בעלעגערט דיא שטאט, איז אריין געגאנגען דיזער בעל מקובל מיט דרייא הונדערט בעלי בתים אין שול, זייא וואריין אלע גרויסע לומדים אונ וואריין אלע געטאהן אין תכריכים אונ אין טליתים, אונ האבען זייער שטארק מתפלל געווען, ביז דיא שונאים זיינען אריין אין שטאט אונ האבען זייא דארטין אין שול

מית געווען ביז איינעם . אונ עטליכע הונדערט יהודים וואס זייא
האבען ניט געוויט האבען געמוזט זיך ממיר זיין , אונ כמה מאות
נפשות האבען זייא מיט זיך אוועק געשלעפט צוא דיא טאטערין .

והנה כאשר עמענו אונ עס וואר וויא מיר האבען דער הערט
אין דער שטאט זאסלאוו דאס דיא טאטערין אונ דיא גרעקין טוען
זייער ווייה דיא שטאט פאלנאה . דען טאג פאר טאג האבען מיר
געשיקט שלוחים אהין אום צוא וויסען וואס דארטין פאסירט זיך ,
אונ אין דעם יום ג' הנ"ל האט שוין דער שליח ניט געקענט צוא
קומען צוא דער שטאט פאלנאה ווייל דיא פיינד ווארין שוין
דארטין זייער נאהענט . אונ אין דעם פערטען טאג האט ער אונז
דער שליח שוין מודיע געוועזן דאס דיא פיינד האלטען שוין בייא
דעם אריין טרעטען אין דער שטאט פאלנאה אונ זאסלאוו וואר נאר
זעקס מייל פון פאלנאה זיינען מיר אלע אנטלאפען ביום ה' הנ"ל
אונ האבען אוועק געווארפען אונזערע הייזער וואס ווארין פול מיט
אלעם גוטין מיט סחורה מיט ספרים , אונ האבען ניט חס געהאט
אויף אונזער געלד, מיר האבען געזעהען צו רעטירען אונזער נפש .
א׳ מייל זייגען פון אינז אנטלאפען קיין אוסטרא , וואס זיא וואר
דענסטמאל דיא הויפטשטאט אין רוסלאנד . דען זיא איז איינע
גרויסע שטאט פול מיט לומדים אונ חכמים . עס וואר דארטין
תורה אונ גדולה צוזאמען . אונ איך מיט מיין הויזגעזינד אונ מיין
שווער מהור"ר אברהם פון זאסלאוו מיט זיינע הויז לייט אונ זיין
גאנצע משפחה זיינען אנטלאפען קיין מעזריטש וואס איז ניט ווייט
פון אוסטרא מעהר ניט וויא איין תחום שבת . עס האבען זיך אויף
געהאלטען אין דיזע צווייא שטעט אין יענער צייט מעהר אלס צעהן
טויזענד בעלי בתים מיט זייערע געזינטען , אונ ווארין כדעה אויך
צוא האלטען דארטען שבת חזון אום צוא וויסען דער ווייל וואס
דא ווערט זיך אויס לאזין מיט דער שטאט פאלנאה . אונ עס וואר
וויא מיר זייגען געקומען ערב שבת נאך האלבען טאג קיין מעזריטש

איז אנגעקומען אידיעה דאס דער דוכוס פון זאסלאוו דער פעלד-מארשאל לעדמיניק וועט קומען אין דיזען טאג מיט זיין גרויסען חיל, אונ וועט גיין אנטקעגין דעם הדוכוס ווישנעוועצקי אום צוא העלפען דיא שטאט פאלנאה פון דיא צוררים וואס באלעגערען איהר. אונ עס וואר טאקע אזויא, דען דער דוכוס איז געקומע מיט זיינע טויזענד מאן, אויך וואר מיט איהם איין גרויסער העלד וואס מען האט איהם גערופען לאשטש אונ דאס וואר אונז צוא גרויס כבוד, אונ מיר האבען שוין געמיינט דאס באלד נאך שבת הזון וועלען מיר זיך שוין אום קערען צוא אונזערע הייזער. אויך האבען מיר געמיינט דאס דיא חיל וועט געוויס אויס לייזען אונזערע ברידער וואס זיינען איין געשפארט אין דער שטאט פאלנאה. אונ זייא וועלען פטור ווערען פון זייערע צרות בקרוב:

ויהי כאשר באו אונ עס וואר וויא עס איז שוין געווארען פרייטאג פאר נאכט זיינען מיר זייער דער שראקען געווארען וועגין דיא שלעכטע בשורה וואס עס האט אונז געבראכט דער שר אונ דער פקיד פון פאלנאה וואס איז אנטלאפען מיט כמה וכמה שרים. אונ דיא שטאט פאלנאה וואר בעצוואונגען, אונ אלע שרים אונ אלע יהודים וואס ווארין אין איהר זיינען געהרגת געווארען, אונ דיא גרעקין האבען זיך שוין אויס געברייטעט ביז זאסלאוו, אונ דאס דער דוכוס ווישנעוועצקי מיט זיין חיל זיינען אנטלאפען קיין קאסנטין אונ דיא טאטערין אונ דיא גרעקין יאגען איהם נאך, אונ אטייל פון זייא ציהען זיך נאך אוסטרא אונ מעזריטש. עס ווארין דערנסטאל דער שראקען אלע הערשאפטען אונ דיא יהודים, עס איז בייא קיינעם קיין נשמה ניט געבליבען פון גרויס אנגסט, אונ אלע האבען געזעהען וואס וועט דא טאהן דער דוכוס דאמיניק. אונ עס וואר ארום האלבע נאכט האט דער הדוכוס אבגעצויגען דורך דעם זעלבען טויער וואס ער איז געקומען פון פוילין, דען ער האט פחד געהאט צוא גיין מיט דעם דרך המלך קיין קרעסעניץ דורך זאסלאוו, וייל

דארט

דאָרטין וואַרטען דיא טאַטערין אונ דיא גריעקין זייער פיל אונ ער האר נור מיט איין קליין פאָלק. דאַהער האָט ער אָנגעלייגט זייער פיל וועג אונ האָט געצווּנגען קיין קרעמעניץ דורך הייליען וואָס דאָס וואר איינע שטרעקע פון ניין מייל, אונ האָט דאָרטין געוואַרט ביז וואַנען עס וועלען צוא איהם אונטער קומען נאָך פאָלאַקין דען נאָר דאַן וועט ער גיין פון דאָרטען נאָך דער שטאָט קאָסנטין. אונ דאָס פאָלק יהודים אונ פאָלאַקין וואָס האָבען געמיינט דאָס דיזער דובּוס איז אַנטלאָפען געוואָרען קיין פוילין זיינען זיא בייא זיך זייער אַראָפּ געפאַלען, אונ האָבען בייא זיך געטראַכט ווען אַזויא אַגבּור מלחמה וויא ער האָט פחד וואָס זאָלען מיר שוין זאָגען. דאַהער האָבען דיא פּרנסים געלאָזט אויס רופען אום גאָטעס ווילען דאָס עס זאָל ניט בּלייבען קיין יהודי אין דיזע צוויא שטעט דאָס הייסט אי׳ אוסטרא אונ אין סעזריטש, דען דער שונא איז זייער נאָהענט פון אונז מעהר ניט וויא צוויא מיילען. אויך זיינען מיר ניט זיכער פון דיא שטאָט בּעוואוינער וואָס זיינען אויך ממשפּחת גריעקין, זייא אליין קענען שוין אויך געננוג שלעכטש טאהן. נון האָט אָנגעהויבּען דאָס פאָלק צוא לויפען, וועך עס האָט געהאַט פערד אונ וואָגען האָבען זיך אַריין געזעצט אין דיא וועגען אונ זיינען אַנטלאָפען געוואָרען, אונ וועך עס האָט קיין פערד ניט געהאַט האָט ער זיך ניט געוואָלט פערלאָזען אום צוא קויפען אַפּערד, כאָטשבּי ער האָט געהאַט גענוג געלד פאַר וואָס צוא קויפען, ער האָט גענומען ווייב אונ קינדער אונ איז געלאָפען מיט זייא צו פוס, אונ האָט אַוועק געוואָרפען אַלץ וואָס ער האָט געהאַט צוא הויז. אונ זעלבּסט דיא וואָס האָבען זיך איין געפּאַקט אין וועגען האָבען אַראָפּ געוואָרפען פון זייא זייער פיל סחורה אונ ספרים כּדי עס זאָל זייא זיין לייכטער צוא לויפען. אונ עס זיינען געגאַנגען זבייא צוויילען וועגען איינע לעבּין דיא אַנדערע אין דיא בּרייט פון גאָסצינעס. אונ אין דיא לאַנג פון דיא זיבּען מייל וואָס וואַר פון אוסטרא קיין

דובנא זיינען אלץ געגאנגען פערד איינער לעבען דעם אנדערען אונ פוס נייער ווארען נאר אן אצאל. אונ צוויא דעם זייגער שבת ביא טאג האבען אונז אנגעיאגט צוויא שרים מיט איין יהודי וואס מען האט איהם גערופען רבי משה צורף פון אוסטרא. אונ האבען צוא אונז געשריען וואדום מיר גייען אזויא פאמעלאך דיא שונאים זיינען שוין ניט וויט פון אונז, זייא זיינען שוין אין מעזריטש. קורץ דער פון מיר האבען זיך קאם געראטעוועט. עס וואר אונטער אונז אבער אגרויס שרעק אונ אגרויס טומעל דאס יעדער פון אונז האט ארויס געווארפען פון דיא וועגין זעלבסט גאלד אונ זילבער, כדי מען זאל גאר קענען גיכער לויפען. אונ דיא גאנצע וועג וואר פארווארפען מיט זילבערנע אונ גילדערנע כלים אונ מיט ספרים אונ מיט קליידער, אונ עס וואר קיין יהודי וואס זאל זיך איהם געלוסטין דאס אויף צו הויבען. אין יענער צייט איז אן אונז מקוים געווארען דער פסוק כספם וזהבם בראש כל חוצות ישליכו דאס הייסט עס וועט אמאל אויף שטיין אויף דיא יהודים אזויא איין צרה דאס זייא וועלען זייערע זילבער אונ גאלד אין דיא גאסין ווארפען, אנדערע האבען אוועק געווארפען דאס פערד אונ דעם וואגען מיט אלע זאכען אונ האבען זיך בעהאלטען אין וועלדער אונ אין גריבער. עס איז דענסטמאל אויף אונז מקוים געווארען אויך דער פסוק ונסתם ואין רודף אתכם דאס הייסט איהר וועט לויפען אונ קיינער וועט אייך ניט נאך יאגען. דען עס וואר אלץ שקר זייא האבען אונז ניט נאך געיאגט עס וואר גאר אבלויזער שרעק אונ אזויא גרויס דאס פרויען האבען אוועק געווארפען זייערע קינדער, ווייל מען האט אלץ געמיינט דאס דיא גרעקין וועלען אינז נאך יאגען, אונ עס איז ווידער אויף אונז מקוים געווארען אויך דער פסוק מרפיון ידים לא הפנו אבות אל בנים דאס הייסט פון גרויס טוט־לאזיגקייט וועלען זיך ניט ווענדען עלטערין צוא זייערע קינדער.

ויהי אחר שבת חזון אונ עס וואר נאך שבת חזון האבען מיר

טרשא

ערשט דער נאנגען דעם אמת, דאס דער פעלדמארשאל איז ניט אנטלאפען קיין פוילין, נאר ער האט אבגעצויגען קיין קרעמעניץ, וויא מיר האבען שוין דא פריער געשריבען, אונ דענסטמאל איז מען געווארען אביסעל רוהיגער או: מען האט זיך שוין ניט געאיילט אזויא צוא לויפען וויא פריער. אונ אזויא האבען מיר געוואנדערט פון איין ארט צוא דעם אנדערען ארט דורך וועלדער דורך דערפער מיר זיינען געלעגען אויף אלע נאסצעניצען אונ האבען ערגעץ קיין רוהע ניט געהאט. מען האט אונז בערויבט בעגזלט, אונ עס איז אויף אונז מקוים געווארען דיא פסוקים ולא יהיה מנוח לכף רגליך. והיו חייך תלויים לך מנגד ופחדת לילה ויומם ולא תאמין בחייך דאס הייסט דוא וועסט קיין מנוחה ניט האבען פאר דיא באלען פון דיינע פיס. דיין לעבין וועט איבער שוועבין אין גרויס געפאהר אונ דוא וועסט ניט גלויבען דאס דוא לעבסט, דען מיר האבען יעדער נאכט גענעכטיגט אלין ביא גרעקן, אונ מיר האבען אלע וויילע געמיינט דאס זייא וועלע איבער אונז איבער פאלין. אונ יעדער מארגין פריה וואס מיר זיינען אויף געשטאנען האבען מיר געמאכט אברכה ברוך מחיה המתים:

## נון וועלען מיר דא דערציילען דיא גזירה פון אוסטרא אונ פון זאסלאוו:

דיא פיינדע זיינען געקומען קיין זאסלאוו אונ האבען דארטען געהרגעט צווייא הונדערט נפשות וואס זיינען דארטען איבער געבליבען ווייל זייא ווארין ניט געזונד, אונ אטייל ווייל זייא האבען זיך מבטיח געווען אויף דיא טאטערין וואס ווארין זייערע גוטע פריינד, וואס האבען זייא פאר זיכערט דאס זייא וועלען זייא מציל זיין. זייא האבען זיך בעהאלטען אין וועלדער אונ האבען געמיינט דארטען איבער צוא ווארטען דיא בייזע צייט. זייא זיינען אבער דארטען געזעסען אלאנגע צייט אונ זיינען שיער אומגעקומען פון הונגער אונ

דארשט

דָארְשְׁט , אוּנ הָאבֶּען שׁוֹין בֶּעסֶער גֶעוָואלְט שְׁטַארְבֶּען אֵיידֶער אַזוֹיא שְׁלֶעכְט צוּא לֶעבֶּען . דְרוּם אִיז בַּייא זֵייא גֶעבְּלִיבֶּען דָאס זֵייא זָאלֶען אַבַיין אִין שְׁטָאט . דָען עֶס אִיז פִיל בֶּעסֶער גֶעהַרְגֶת צוּ וָוערִין דוּרְךְ דֶעם שְׁוֶוערְד אֵיידֶער צוּא שְׁטַארְבֶּען פוּן הוּנְגֶער . אוּנ עֶס וַואר וִויא זֵייא זֵיינֶען נָאר אַבַיין אִין שְׁטָאט הָאבֶּען זֵייא בַּאלְד אָן גֶעהַאפְּט זֵייעֶרֶע אֵיינֶענֶע פְרַיינְד , דָאס זֵיינֶען דִיא טָאטֶערִין אוֹיף וֶועלְכֶע זֵייא הָאבֶּען זִיךְ פַאר זִיכֶערְט , אוּנ הָאבֶּען זֵייא שׁוֹין גֶעוָואלְט הַרְגֶענֶען אוֹיף דֶער שְׁטֶעלֶע , הָאבֶּען זֵייא זִיךְ בֵּייא זֵייא גֶעבֶּעטֶען דָאס זֵייא זָאלֶען זֵייא הַרְגֶענֶען אוֹיף דֶעם בֵּית עוֹלָם , כְּדֵי זֵייא זָאלֶען קִימֶען צוּא דֶער קְבוּרָה , הָאבֶּען זֵייא גֶעטָאהן זֵייעֶר רָצוֹן אִין דֶער זַאךְ . זֵייא הָאבֶּען זֵייא גֶעבְּרַאכְט אוֹיף דֶעם בֵּית עוֹלָם אוּנ הָאבֶּען זֵייא דָארְטֶען אַבַיין גֶעפִירְט אִין דֶעם קְבָרוֹת שְׁטוּבּ וָואס דָארְטִין וַואר , אוּנ הָאבֶּען זֵייא אוּיס גֶעהַרְגֶת בִּיז אֵיינֶעם , אוּנ דֶער נָאךְ הָאבֶּען זֵייא דִיא שְׁטוּבּ פַאר בְּרֶענְט מִיט דִיא יְהוּדִים צוּזַאמֶען . נוּן זֵיינֶען זֵייא גֶעמִשְׁפְּט גֶעוָוארֶען מִיט צְווייא מִיתוֹת הֶרֶג אוּנ שְׂרֵפָה . אוּנ דִיא פִּיקֶעטֶעס וָואס זֵיינֶען דָארְטֶען גֶעשְׁטַאנֶען אוֹיף דֶער וַוארְטֶע הָאבֶּען דִיא טָאטֶערִין זֵייא גֶעהַרְגֶת . דִיא גְרֶעקִין אַלֵיין הָאבֶּען אוֹיךְ דִיא רְצִיחָה נִיט גֶעקֶענְט צוּ זֶעהֶען וָואס דִיא טָאטֶערִין טוּהֶען דָא . נָאר זֵייא הָאבֶּען נִיט גֶעקֶענְט הֶעלְפֶען , וָוארוּם דִיא טָאטֶערִין זֵיינֶען גֶעוֶועזֶען זֵייעֶר פִיל אוּנ זֵייא הָאבֶּען פַאר קֵיינֶעם נִיט מוֹרָא גֶעהַאט . אוֹיךְ הָאבֶּען דִיא טָאטֶערִין חָרֵב גֶעמַאכְט דִיא קְלוֹיסְטֶערִין אוּנ דִיא שׁוּל , אוּנ הָאבֶּען דֶער פוּן גֶעמַאכְט שְׁטַאלֶען פַאר זֵייעֶרֶע פֶערְד . אוּנ אַזוֹיא הָאבֶּען זֵייא אוֹיךְ גֶעטָאהן אִין אוּסטרא . זֵייא הָאבֶּען דָארְטֶען מֵמִית גֶעוֶועזֶען זֶעקְס הוּנְדֶערְט נְפָשׁוֹת וָואס זֵיינֶען דָארְטֶען אִיבֶּער גֶעבְּלִיבֶּען .

# נון וועלען מיר דא דערציילען דיא גזירה פון דער קהלה קאסנאטין:

דיא דאזיגע רשעים זיינען אוועק מיט זייער גאנצען חיל אונ זיינען געקומען ניט ווייט פון דיזער שטאט, איז זייא געקומען אנטקעגין דער דוכוס ווישנעוועצקי, אונ האט זייא זייער שטארק געשלאגען אונ איז אריין אין דער שטאט קאסנאטין, אונ דיא קאזאקין האבען צו געטראטען הארט צוא דער שטאט. אונ וויל דיא איינוואוינער פון דיזער שטאט ווארין גרעקין וואס זייא וועלען בוודאי העלפען דיא קאזאקין, אונ דענסטמאל וועט זיין דיא מלחמה פון איינווייניג אונ פון דרויסען, דרום האט דער דוכוס געפונען א[illegible] דאס ער זאל דער וויילע פון דער שטאט אבציהען. אונ [illegible] ארויס פון איהר דער דוכוס מיט זיין חיל אונ דיא יהודים וואס האבען געהאט פערד זיינען מיט איהם מיט געצויגען, אונ דיא וואס האבען קיין פערד ניט געהאט ווייל זייא האבען זיך פאר זי[illegible] דעם דוכוס וואס ער איז מיט זייא אין שטאט, זיינען גע[illegible] אין קאסנאטין. אונ עס וואר ווייא דער דוכוס וואר שוין ווייט פון שטאט א מייל, זיינען דיא פיינד אריין אין קאסנאטין אום דינסטאג דאס וואר אום תשעה באב אונ האבען געהרגת פון דיא יהודים דרייא טויזענד נפשות, אונ האבען אלע זייערע עשירות אוועק גערויבט. אונטער זייא וואר אויך דער גאון מהור״ר אשר, וואס ער וואר אב בית דין אין דער קהלה פאל[illegible], אונ נאך זייער פיל גאונים וואס איך געדיינק ניט זייערע נעמען.

ויהי אחר שבזו העיר אונ עס וואר נאך דעם ווייא זייא האבען אוים גערויבט דיא שטאט קאסנטין, האט צוא זייא געשיקט דער דוכוס ווישנעוועצקי זאגען: וואס קומט אייך ארויס דער פון וואס איהר מאכט חרב זייער פיל מקומות, אונ זייט מאבד זייער פיל נפשות? ווען איהר זייט באמת נאר העלדען אונ ניט קיין פראסטע

רוצחים

שכנגדו. אונ דיא אפעצערין פון דיא פאלאקין זיינען אלע מלומדי מלחמה, אונ פון דעם אנדערין צד ווארין רעכטע היל קאם צוואנציג טויזענד קאזאקין אונ ווייטער ניט.

ויהי ביום א׳ ד׳ תשרי אונ עס וואר אום זונטאג פיר טעג אין תשרי אין דעם יאהר ת״ט, האבען זיך אנגעהייבען ביידע צדדים צוא שלאגין, אונ דיא פוילין האבען זיך געשטארקט איבער דיא גרעקין, אונ דער דוכוס ווישנעוועצקי האט זייא אין דיזעם זונטאג זייער שטארק געשלאגען, אונ אזויא אויך וואר עס אום מאנטאג. ער האט פון זייא געשלאגען אלפים אונ רבבות. אונ ווען אז דיא שרים וואלטין איהם ניט געשטערט צוא שלאגען זייא אויך אום דינסטאג דא וואלט פון זייא קיין שריד ופליט ניט געבליבען. דיא גרעקין זיינע ביא זיך אזויא אראפ געפאלען דאס זייא האבען שוין געוואלט האפין זייערע הויפט לייט, דאס הייסט דעם חמעלניצקין אונ זיין פעלדמארשאל קריוונאס, אונ איבער געבען זייא צוא דיא שרים פון פוילין וואס ווארין פריער זייערע הערין, אונ מאכען מיט זייא שלום אונ וועלען זייא דינען וויא פריהער. דער צורר חמעלניצקע אבער וויא ער האט עס דער הערט איז ער זיך בעגאנגען זייער קלוג, ער האט געשיקט אבריף צוא דעם פעלדמארשאל דאמיניק, דאס ער זאל איהם געבען דרייא טעג צייט, אונ אויף דעם פערטען טאג וועט ער שוין מיט איהם דיא מלחמה ענדיגען. זיין מיין אבער וואר וואס אנדערש. ער האט נאר מעהר ניט געוואלט זייא אבהאלטען ביז דאנערשטאג, וואס דענסטמאל האבען געזאלט צוא איהם אונטער קומען צווייא טאטערשע גענעראלין מיט אגרויס חיל פון הונדערט טויזענד מאן. איין גענעראל האט מען גערופען ביא, אונ דעם אנדערען טהוביא, דען זייא ווארין פון איהם ווייט מעהר ניט וויא איין טאג רייזע. אונ דער דוכוס דאמיניק וואס ער האט דעם ווארען זין פון חמעלניצקעס בקשה ניט פאר שטאנען, האט איינגעוויליגט אין דער זאך, אונ האט איהם געגעבען דרייא

טעג

רוצחים , אזויא גייט ארוים אנטקעגען מיר צום שטרייט , דארטין לעבען דער שטאט ליפאוויץ , לעבען דעם קוואל וואסער וואס עס איז ווייט פינף מייל פון קאסנטין . דא זיינען ארוים דיא קאזאקין אונ דיא טאטערין אונ האבען זיך געשטעלט פון איין זייט קוואל , אונ דער דוכוס ווישנעוועצקי מיט זיין חיל פון דעם אנדערען זייט קוואל , עס האבען זיך צויא ביידע צדדים זייער פיל פאלק פאר זאמעלט . עס איז אונטער געקומען חמעלניצקע זעלבסט מיט זיין גאנצען ארמייא גרעקין , איין ערך פון פינף מאל הונדערט טויזענד מאן , אונ צו דיא פאלאקין איז אונטער געקומען דער פעלדמארשאל דאס איז דער דוכוס דאמיניק מיט זיין גאנצען חיל , איין ערך פון דרייסיג טויזענד מאן . עס האט געדויערט דער צוזאמען קלייבען זיך אפאר חדשים . אונ עס וואר אין אלעם זעקס מאל הונדערט טויזענד מאן גרעקין , אונ חמעלניצקי אונ קריוונאס ווארין זייערע הויפט לייטע , אונ דיא פאלאקין ווארין נאר אין אלעמען אכציג טויזענד , זייא ווארין אבער אלע מלומדי מלחמה , דאס הייסט רעגולארנע חיל , אונ זייערע הויפט לייטע ווארין דער דוכוס ווישנעוועצקי אין דער פעלדמארשאל דאמיניק . זייא האבען מיט זיך געהאט הונדערט פופציג טויזענד קאראטין אונ וועגען פול מיט עסין אונ טרינקען , אונ מיט גילדערנע אונ זילבערנע כלים אונ קליידער גאר אן אשיעור , אונ דיא מאכט פון דיא פולין וואר פיל גרעסער אלס דיא מאכט פון דיא גרעקין . זייערע זעקס מאל הונדערט טויזענד האבען ניט געקענט ביישטיין אנטקעגען צעהען טויזענד פאלאקין , ווייל דיא פאלאקין ווארין אלע רעגולארנע חיל , דאס הייסט געלערענטע צום שטרייט אונ זייער גוט בעוואפינט . דיא גרעקין אבער ווארין נאר חוץ דיא ביסיל קאזאקין גאר דארף לייט וואס זיינען קיין מאל ניט געוועזען אין אמלחמה , אונ זיינען געווען בעוואפענט נאר מיט קאסעס מיט בולאוועס מיט העק . זייער גאנצע גבורה איז בעשטאנען נאר צוא שרייען בשעת מלחמה מיט גרויסע קולות צווא שרעקין דעם צד

טעג צייט. דען דער דוכּוס דאמיניק אונ דער וואיעוואדע טישקעוויץ האבען געזאגט צוא ווישנעוועצקען: ביז וואנען וועסטו שלאגען דיא גרעקין, עס וועט דאך דער נאך פאר אונז ניט בלייבען קיין קנעכט וואס זאלען פאר אונז ארבעטין, מיר וועלען ניט האבען ווער עס זאל אונז איינזייען דיא פעלדער, אונ איבער וועמען וועלען מיר דער נאך זיין שרים. נון האבען זיך דיא פוילין מרחם געוועזען איבער דיא גרעקין, אונ האבען זייא שוין אין דעם דריטען טאג ניט געשלאגען. אונ דער סוף וואר נאך דעם אז דיא גרעקין האבען זיך מתגבר געוועזען איבער דיא פוילין, אונ האבען איבער זייא גאר קיין רחמנות געהאט. וויא מיר וועלען דא ווייטער שרייבען

ויהי ביום השלישי לעת ערב אונ עס וואר דינסטאג פאר נאכט, זיינען אנגעקומען דיא טאטערין הונדערט טויזענד מאן אין דעם גרעקעשין לאגער. עס וואר דארטין דרום גרוים פרייד. מען האט געשפילט מיט פויקען מיט פידלען מיט טרומייטען, אונ מען האט געשריען אורא מיט גרויסע קולות דאס דיא ערד האט זיך כמעט אונטער זייא געבראכען פון גרוים לארעם. דיא פוילין אבער האבען גאר ניט געוואוסט וואס דאס קאן בעדייטען, ביז זייא האבען גע-פאנגען איינעם פון דיא גרעקין אונ האבען איהם געבראכט צו דעם דוכּוס, אונ ער האט איהם דערציילט דאס עס איז זייא אנגעקומען צוא הילף הונדערט טויזענד טאטערין גרויסע העלדען, זייערע געזיכטער זעהעט אוים וויא פלאמען פייער, אונ קיין מענש קען אנטקעגען זייא ניט בייששטיין. אנדערע דערציילען דאס דער צורר חמעלניצקי זעלבסט האט געשריבען אבריף צוא דעם פעלדמארשאל דאמיניק מיט דעם לשון: פרידען צוא דיר אונזער הער דוכּוס וולאדיסלאוו דאמיניק פעלדמארשאל פון פוילין. איך אונ מיין פאלק דאנקען דיר זייער אונ זייער פאר דיא טובה וואס דוא האסט אונז געטאהן, וואס דוא האסט זיך דער בארעמט אויף מיר אונ אויף מיין פאלק צוא רוהען דעם דינסטאג. דער פאר בין איך דיר מזהיר

אונ

איך גיב דיר איין עצה טובה דאס דוא זאלסט מיט דיין פאלק בייא נאכט אנטלויפען . דען עס זיינען אנגעקומען צוא מיר טאטערין אזוי פיל וויא זאמד בייא דעם ים . אונ עס איז גאר אייך אוממעגליך דאס איהר זאלט קענען אנטקעגען זייא אונ אונז בישטיין , אונ דאס גאנצע פאלק פוילין זאלען ניט פאלען אין דיא הענד פון דיא טאטערין . אונ וויל דוא האסט זיך איבער אונז דער בארעמט , וועלען מיר שוינען אלע דיינע שטעט , אונ מיר וועלען זייא ניט חרב מאכען וויא דיא שטעט וואס געהערען צוא אנדערע שרים פון פוילין . אונ עס וואר וויא דיא דוכסים אונ דיא שרים האבען דער הערט דיא ווערטער , האבען זייא זיך שרעקליך דער שראקען , אונ ארום האלבע נאכט זיינען אלע אנטלאפען געווארען .

ויהי ביום הרביעי כעלות השחר אונ עס וואר מיטוואך וויא עס האט אנגעהויבען צוא טאגען , אונ דיא פאלאקין האבען געזעהען דאס זייערע דוכסים אונ שרים זיינען אנטלאפען געווארען , האבען זייא זיך אויך אבגעטראגען . מען איז געלאפען ווער עס האט נאר גע-קאנט לויפען , אונ האבען אוועק געווארפען דיא קאראטין מיט אלע זייערע אוצרות , אונ האבען עס איבער געלאזען בייא דיא וואך וואס האט געהיט דארטין דעם אבאז אין לאגער . עס איז דארטין געבליבען דיא געצעלטען , דיא פערד דיא אייזלען . זייא האבען פון גרויס איילעניש ארויס געווארפען פון דיא קעסטענעס גאלד אונ זילבער , אונ האבען פון זיך אראפ געווארפען דיא קליידער אום גאר זיכער צוא לויפען . דיא טאטערין זיינען געקומען מיט דיא גריקין אין פוילישען לאגער אונ האבען קיין מענשען געפונען , זייא האבען גאר ניט געגלויבט דאס דיא פוילין זיינען אנטלאפען געווארען אונ האבען בייא זיך געדיינקט אז דאס איז נאר איין בעטרוג , דאס הייסט דיא פוילין האבען זיך בודאי בעהאלטען אין דיא פעלדער אונ אין דיא וועלדער , אונ דער נאך וועלען זייא בודאי איבער פאלען איבער דיא טאטערין פון הינטען נאר אום געריכטעהייד

דאהער

דאהער האבען זייא געשיקט פון זיך רייטער דאס זייא זאלען צורום קוקען אלע ערטער. דא האבען זייא געפונען דאס דיא נאנצע וועג איז פול מיט קליידער אונ מיט געוועהר, וואס דיא פאלאקען האבען פון זיך אראפ געווארפען לויפענדיג. נון האבען דיא טאטערין נאך זייא נאך געיאגט אונ האבען זיך פאר בּרייטעט אין גאנץ פוילין ליטע אונ רייסין. אונ וואו נאר דיא גריעקען האבען געוואוינט האבען זייא נאך דיזער מעשה באלד מורד געוועזען אן דיא שרים אונ זייא געטייט מיט דיא יודען מיט מיתות משונות. אונ עס וואר פאר דיא יודען איין עת צרה וואס וואר ניט איהר גלייכען, עס זיינען אבער זייער פיל פון זייא צולאפען אין דיא קרעפעסטין, קיין באר קיין קאמעניין קיין בראד קיין לבוב. אויך זיינען זייא געלאפען אין דיא קהלות בסאמש יאזלעוויץ זאלקעווע גראל קיין פרעמעסלי קיין בעלז קיין סאקאל, אין דעם פעסטין קלויכטער וואס דארטין וואר. אונ אויך קיין זאמאסט. אונ ווידער אנדערע זיינען געלאפען קיין וואלהאי אונ פיל זיינען געלאפען אין דיא שטעט וואס וואַרין אויף יענער זייט ווייסיל.

# דער פערטער קונטרס

# די גזירות פון ליטא.

די ליטווישע יהודים זיינען געלאפען קיין ווילנא און אין הוראדנא וואס אהין זיינען די שונאים ניט געקומען, עס ווארין אבער וויא פיל שטעט וואס די יהודים האבען זיך אהין איינגעזאמעלט און זיינען אומגעקומען מיט די שטעט צוזאמען. אזויא ווארען אין הומיה געהרגת געווארען וויא פיר טויזענד גאר אן אמספר אויף קדוש השם. פון דארטען האבען זיך די שונאים געצויגען קיין שטארעדוב און האבען דארטען געטייט זייער פיל יהודים. אויך ווארען די פיינד אין דער שטאט צארניאוב און אין באצקין אין דער שטאט וולאדעווע האבען זיך צוזאמען געקליבען זייער פיל יהודים און זיינען אומגעקומען איין ערך פון צעהען טויזענד נפשות דורך מתות משונות. אויך אין אנדערע שטעט פון ליטא זיינען אומגעקומען זייער פיל יהודים לאלפים ולרבבות גאר אן אשיעור. שלוצקער יהודים און פינסקער און בריסקער זיינען אלע געלאפען קיין גרויס פוילין און אטייל זיינען געלאפען קיין דאנציג וואס זיא ליגט לעבין דעם ווייסיל. און דאס ארעמע פאלק וואס זיינען געבליבען אין אלע די שטעט זיינען אומגעקומען אויף קדוש השם וויא פיל הונדערט נפשות. אויך ווארען אנגעיאגט פון די פיינד ניט וייט פון פינסק וויא פיל הונדערט ווענין פול מיט יהודים און זיינען אלע געהרגת געווארען. עס האבען אבער די גריעקין וואס האבען געוואונט אין פינסק געהאט זייער באצאלונג דער פאר. וויא דער פוילישער געגעבאל דער דוכוס ראדזוויל האט דער הערט

דאס

דאס זייא האבען מורד געוועזן אונ האבען אריין געלאזען דיא קאזאקין אין שטאט, איז ער געקומען אהין מיט וויא פיל טויזענד פאלאקין אונ האבען באלעגערט דיא שטאט אונ האבען איהר אן געצונדען פון אלע פיר עקין, אונ אז דיא גרעקין וואס וואריין דארטען האבען זיך געוואלט באטירען אויף שיפען זיינען זייא דער טרונקען געווארען, אונ דיא איבעריגע זיינען פאר ברענט געווארען. אונ עס וואר פון זייא גענומען געווארען גרויס נקמה פאר דיא יהודים וואס זייא האבען געהרגת. אויך האבען דיא איינוואוינער פון סלוצק זייער שטארק זיך נוקם געוועזן אן דיא גרעקין, דען זייא האבען זייא גענארט. זייא האבען צוא זייא געשריבען דאס זייא זאלען קומען וואס צום גיכסטען, עס איז ביא זייא אין סלוצק דא זייער פיל שרים אונ יהודים אונ זייא וועלען עס אלץ איבער געבען. אונ באמת וויא מיר האבען שוין געשריבען וואריין שוין דארטין קיין יהודים, ווייל זייא האבען עס גאר ניט געגלויבט דאס דיא שטאטינע באוואוינער וועלען פון זייערט וועגין שטרייטען. אונ עס וואר וויא דיא גרעקין זיינען געקומען לעבין שטאט, האבען דיא שטאט בע-וואוינער אויף זייא געשאסין מיט הארמאטען, אונ האבען זייער פיל פון זייא געהרגת ביז זייא זיינען פון זייא אנטלאפען. אונ זייא האבען נאך זייא נאך געיאגט פון שטאט, אונ האבען זייא זייער שטארק געשלאגען.

## נון דא וועלען מיר דערציילען דיא גזירה פון דער שטאט באר:

עס וואר וויא דיא פאלאקין זיינען אנטלאפען דארט פון זייער לאגער מיט זייער גענעראל דעם פעלדמארשאל דאמיניק אונ מיט דעם העלד ווישנעוועצקי, זיינען דיא טאטערין מיט דיא גרעקין אריין געפאלען אין דעם פארלאזענעם לאגער, אונ האבען אויס גערויבט אלץ וואס עס וואר דארטין. גאלד, זילבער, וועגען,

[illegible]אראטען

קאראטען, אונ טייערע פערד. אונ דענסטמאל איז געבליבען ביי חמעלניצקען ימח שמו אונ ביי דיא טאטערין, דאס זייא זאלען איין נעמען אלע קרעפעסטען וואס ווער נאר אין פוילין. אונ האבען שוין דער ווייל אטייל פון זייא געשיקט איין צו נעמען דיא שטאט באר, ווייל דארטין וואר איין גרויסער אויפזאמלונג פון יהודים אונ שרים. אונ דיא שטאט אליין וואר זייער שטארק אונ פעסט.

ויהי אונ עס וואר וויא דיא גרעקין האבען זיך צוא גערוקט צוא דער שטאט, האט מען אנגעהייבען אויף זייא זייער שטארק צו שיסען פון דיא מויערין, אונ זייא האבען ניט געקענט אריין אין שטאט, אונ האבען איהר באלעגערט אלאנגע צייט ביז דיא גרעקין וואס האבען געוואוינט אין שטאט האבען געמאכט אגרויסע לאך אונטער דעם מויער פון שטאט, אונ האבען דורך דארטין אריין גענומען דיא קאזאקין איגעווייניג, אונ האבען אנגעהייבען צוא טייטען דיא איינוואוינער. נון האבען זיך געראטירט דיא יהודים אונ דיא שרים אין דעם פעסטונג וואס דארטין וואר, אונ האבען דיזען פעסטונג זייער גוט ארום געזעהן אונ דארטין וואהין שוין אויך ניט איינער פון דיא גרעקין. אונ דאהער האבען געמוזט דיא קאזאקין בעלעגערין דיזען פעסטונג כמה ימים. זייא האבען אויף געשאטען ארום איהם זייער הויכע באטערייען אונ שאנצען, אונ האבען גע-פייערט פון דיא שאנצען אויף דיזען פעסטונג מיט הארמאטין ביז זייא האבען איהם איין גענומען. אונ האבען דארטין דער שלאגען אלע יהודים אונ אלע שרים מיט מיתות משונות, אונ האבען צוא רויבט אלץ וואס זייא האבען נאר געפונען, עס זיינען דארטין אומגעקומען איין ערך פון צוויא טויזענד יהודים. אונ פון דארטין איז דער צורר חמעלניצקי געגאנגען מיט זיין חיל אויף דער קהלה קאסנאטין. אונ פון דארטין קיין זאסלאוו, אונ דער נאך קיין אוסטרא. נאר דיזע קהלות זיינען שוין לאנג חרב געווארען דורך דיא שונאים. דאהער האבען זייא זיך דארטין גאנץ ווייניג אויף

געהאלטען אונ זייערע אוועק קיין דובנא, דען דיזע שטאט האט געהאט איין פעסטונג וואס האט ניט געהאט זיין גלייכען אין גאנץ פוילין, אונ האט געהערט צוא דעם פעלדמארשאל דאמיניק. אונ עס וואר אין דער צייט אז דיא פאלאקין זיינען אנטלאפען פון זייער לאנער, האבען זיך אבגעשטעלט כמה מאות יהודים אין דיזען פעסטונג ווייל זייא האבען געמיינט זייא וועלען דא זיכער זיין. אונ עס וואר וויא דיא דאזיגע ניקים האבען זיך ארום געשטעלט ארום דיזען פעסטונג, איז אין איהם אריין אשר מיט אכציג גבורים פון דעם דוכוס זעלנער, אונ האבען דיזען פעסטונג צוגעשלאסען זייער שטארק אונ האבען איהם זייער גוט ארום געזעהען, אונ האבען דארטין ניט איין יודען אויף געגומען, אונ זיינען דעריבער אלע פאר דעם פעסטונג נהרג געווארען עלף הונדערט טאן. אונ דיא קאזאקין האבען זיך זייער שטארק פאר וואונדערט איבער דיזען פעסטונג. אונ האבען געזאגט דאס עס איז גאר אוממעגליך אזויא איין פעסטונג איין צו געמען, אונ דאס דיא שרים וואדרין גרויסע נארין דאס זייא זייגע פון דאנען אנטלאפען. עס וואדרין אין דיזען פעסטונג גרויסע אוצרות פון דיא יהודים אונ פון דיא שרים. אונ ווייל דער פעסטונג וואר זייער שטארק האבען דיא שונאים פון איהם אבגעצויגען אונ זיינען אוועק קיין בראד וואס זיא האט געהערט צו דעם הארנזע וואס ער וואר אגרויסער שונא פון דעם חמעלניצקי, וויא מיר ווייסען שוין דאס ער האט איהם שוין פון לאנג אן געוואלט אומברייגגען, אונ דרום האט חמעלניצקי חרב געמאכט אלע זיינע שטעט, אונ בפרט דיא שטאט בראד וואס זיא איז געוועזען זיין הויפט שטאט. ער האט איהר גאנץ חרב געמאכט אונ פאר ברענט, דיא יהודים אונ דיא שרים זיינען אלע אנטלאפען אין דעם פעסטונג וואס עס וואר דארטין. דער פעסטונג וואר זייער שטארק, ער וואר ארום גענומען מיט צווייא מויערן, אונ מיט אגרויסען וואסער. עס וואדרין אין איהם וויפיל טויזענד יהודים אונ

שרים

שָׂרִים. דִיא קָאזַאקֶין הָאבֶּען אִיהם בַּאלֶעגֶערְט פִיל טֶעג אוּנ הָאבֶּען נִיט גֶעקֶענְט צוּא אִיהם צוּא טְרֶעטִין, דֶען מֶען הָאט אוֹיף זַייא גֶעשָׁאסֶען מִיט בִּיקְסֶען אוּנ הָאבֶּען זַייעֶר פִיל גֶעהַרְגֶת פוּן דִיא שׂוֹנְאִים אוּנ עֶס וַואר זַייא גָאר אוּמְמֶעגְלִיךְ אַיין צוּ נֶעמֶען אִיהם. אוּנ דָאךְ וַוארִין דִיא יְהוּדִים אוּנ דִיא שָׂרִים אִין גְרוֹיס שְׁרֶעק וֶועגִין דֶעם גְרוֹיסֶען דָבָר וָואס וַואר אִין אִיהם. פוּן דְרוֹיסֶען וַואר דֶער שְׁוֶוערְד פוּן דֶעם פַיינְד, אוּנ אִינֶעוַוייניג וַואר טוֹיט שְׁרֶעקֶענֶעש. עֶס זַיינֶען פוּן דֶבֶר אוּמְגֶעקוּמֶען טוֹיזֶענְד יְהוּדִים. אוּנ אַזוֹיא וַואר אִין אַלֶע עֶרְטֶער וואו דִיא שׂוֹנְאִים הָאבֶּען נָאר בַּאלֶעגֶערְט אַיין גְרוֹיסֶער דֶבֶר.

## נוּן דָא וֶועלֶען מִיר דֶערְצֵיילֶען דִיא גְזֵירָה פוּן דֶער שְׁטָאט לְבוּב:

נָאךְ אַלֶע מַעֲשִׂיוֹת אִיז חמעלניצקי גֶעגַאנְגֶען מִיט זַיין גַאנְצֶע חַיִל צוּא בַּאלֶעגֶערִין דִיא שְׁטָאט לבוב וָואס זִיא וַואר אֵיינֶע פוּן דִיא פִיר גְרֶעסְטֶע שְׁטֶעט וָואס אִין פּוֹילִין. עֶס וַואר אִין אִיהר זֵייעֶר פִיל חֲכָמִים אוּנ סוֹפְרִים. אוּנ עֶס וַואר וִויא דִיא שׂוֹנְאִים זַיינֶען אַהִין גֶעקוּמֶען הָאבֶּען זַייא צוּא גֶעטְרָאכְטֶען צוּא דֶעם הוֹיכֶען פֶעסְטוּנְג וָואס וַואר דָארְטֶען פַאר דֶער שְׁטָאט, הָאבֶּען דִיא פָּאלַאקִין אוֹיף זַייא פוּן דָארְטֶען זֵייעֶר שְׁטַארְק גִישָׁאסִין אוּנ הָאבֶּען זֵייעֶר פִיל גֶעהַרְגֶת פוּן דִיא גְרֶעקִין אוּנ פוּן דִיא טָאטֶערִין. אוּנ דָאךְ הָאבֶּען גֶעמוּזְט דִיא פָּאלַאקִין אָב טְרֶעטִין פוּן דֶעם הוֹיכֶען פֶעסְטוּנְג וַוייל עֶס הָאט זַייא דָארְטֶען אָנְגֶעהֵייבֶּען פֶעלִין וַואסֶער אוּנ זַיינֶען אַרַיין אִין דֶער שְׁטָאט לבוב אוּנ הָאבֶּען אָפְּגֶעבְּרֶענְט אַלֶע הַייזֶער וָואס וַוארִין אַרוּם שְׁטָאט כְּדֵי דִיא שׂוֹנְאִים זָאלֶען נִיט הָאבֶּען קֵיינֶע עֶרְטֶער צוּא בַּאהַאלְטִין זִיךְ אוּנ דֶער וַוייל הָאבֶּען דִיא שׂוֹנְאִים אַיין גֶענוּמֶען דֶעם הוֹיכֶען פֶעסְטוּנְג אוּנ הָאבֶּען בַּאלֶעגֶערְט דִיא שְׁטָאט אַרוּם אוּנ, אוּנ דִיא שְׁטָאט לַייט הָאבֶּען פַּחַד גֶעהַאט צוּא גֵיין אִין דִיא גַאסֶען וַוייל דִיא שׂוֹנְאִים הָאבֶּען פוּן דֶעם הוֹיכֶען

פֶעסְטוּנג גִישָׁאסֶין אִין שְׁטָאט אַרַיין . עֶס הָאט זִיךְ אָבֶער דֶער צוּא
נָאךְ צוּא גֶעצֶעפֶּעט אַיין גְרוֹיסֶער דָבָר אוּנ אַיין גְרוֹיסֶער הוּנְגֶער
אוּנ עֶס זַיינֶען אוּים גֶעשְׁטָארְבֶּען אִין שְׁטָאט מֶעהר אַלְס צְעהֶען
טוֹיזֶענְד נְפָשׁוֹת אוּנ אוּנְטֶער זַייא , הָאבֶּען זִיךְ גֶעפוּנֶען זַייעֶר פִּיל
גְאוֹנִים אוּנ רָאשֵׁי יְשִׁיבוֹת אוּנ בִּכְּרָט הַגָאוֹן הַגָדוֹל ר׳ הוֹשִׁיעַ
וָואס הָאט מְחַבֵּר גֶעוֶועז דֶעם מגיני שלמה אוּנ עֶס וַואר נָאךְ דֶעם
וִויא דִיא גְרֶעקִין הָאבֶּען גֶעזֶעהֶען דָאס עֶס אִיז זַייא זַייעֶר שְׁוֶוער
דִיא שְׁטָאט אַיין צוּנֶעמֶען הָאבֶּען זַייא פַאר שְׁטָאפְּט דִיא קְוַואלִין
וַואסֶער וָואס זַיינֶען הִינְטֶער דֶער שְׁטָאט אוּנ קְוֶועלִין אַרַיין אִין
שְׁטָאט אוּנ דִיא שְׁטָאט לַייט בֶּענוּצֶען זִיךְ נָאר מִיט אִיהרֶע וַואסֶער .
נוּן הָאבֶּען דִיא שְׁטָאט לַייט קַיין וַואסֶער גֶעהַאט צוּא טְרִינְקֶען
אוּנ זַיינֶען שִׁיעֶר אוּמְגֶעקוּמֶען פוּן דָארְשְׁט . דַאהֶער הָאבֶּען זַייא גִישִׁיקְט
שְׁלוּחִים צוּא דֶעם חמעלניצקי דָאס עֶר זָאל מִיט זַייא דוּרךְ קוּמֶען .
זַייא ווִילֶען אִיהם אַוֶועק גֶעבֶּען נָאר דִיא גָאלְד אוּנ זִילְבֶּער וָואס זַייא
הָאבֶּען פַאר לֵייז גֶעלְט פַאר זַייעֶרֶע נְפָשׁוֹת . דָא הָאט המעלניצקי
גֶעזָאגְט צוּ זַיינֶע לַייט : וָואס וֶועט אוּנְז אַרוֹיס קוּמֶען אַז מִיר וֶועלֶען
זַייא טֵייטִין , לָאמִיר בֶּעסֶער נֶעמֶען גֶעלְט . עֶר הָאט גֶעשִׁיקְט זַיין
גֶענֶערַאל גלאוויצקי וָואס וַואר אַמָאל אַיינֶער פוּן דִיא פּוֹילִישֶׁע שָׂרִים
וָואס זַיינֶען צוּ אִיהם צוּ גֶעשְׁטַאנֶען אוּנ צוּ גֶעשְׁוָוארֶען מִיט נָאךְ כַּמָה
שָׂרִים פוּן דִיא קָאזַאקִין . עֶר הָאט זַייא אַרַיין גֶעשִׁיקְט אִין שְׁטָאט
אָפּ צוּא רֵיידִין דֶעם פֶּשֶׁר . עֶס זַיינֶען זַייא אַרוֹיס אַנְטְקֶעגִין זַייעֶר פִּיל
שָׂרִים פוּן דִיא פּוֹילִין . אוּנ מִיט זַייא וַואר אוֹיךְ ר׳ שמעון דֶער
שְׁתַּדְלָן פוּן לובלין , אוּנ הָאבֶּען מִיט זַייא אָפּ גֶעמַאכְט דָאס מֶען
זָאל זַייא גֶעבֶּען פוּן יְהוּדִים אוּנ פוּן דִיא שָׂרִים צוּזַאמֶען צְוֶויא מָאל
הוּנְדֶערְט טוֹיזֶענְד גִילְדֶען . אוּנ וַוייל זַייא הָאבֶּען נִיט גֶעהַאט אַזוֹיא
פִּיל גֶעלְד אִין מְזוּמָן , הָאבֶּען זַייא גֶעגֶעבֶּען גָאלְד אוּנ זִילְבֶּער אוּנ
סְחוֹרוֹת אִין זַייעֶר אַיין וָואלְוֶועלֶען מֶקַח . דִיא גָאלְד אוּנ זִילְבֶּער הָאבֶּען
זַייא גִיוואוינֶען אוֹיף גְרוֹיסֶע גֶעוִויכְטֶען וִויא מֶען וֶועגְט בְּלַייא , אוּנ

זייא האבען דיא שטאט לבוב ליידיג געמאכט אונ גאנץ פוסט. עס וואר נאך דער צו איין חסד פון גאט ברוך הוא, דאס ער האט געגעבען דיא שונאים אזויא איין גוטע דעה דאס זייא זאלין זיך לאזין האנדלען. דען דיא יהודים וואס וואָרין דארטין וויא פיל טויזענד האבען געטאהן גרוים תשובה אונ זייער געשרייא איז געקומען פאר גאט ברוך הוא. אונ ווען דיא שטאט וואלט נאך געוועזען פון זייא באלעגערט נאך איין אכטאג וואלטען אוים געשטארבען דיא גאנצע שטאט פון הונגער אונ דארשט.

ונסעו משם אונ דיא קאזאקין האבען פון דארטין אבגעריזט אונ האבען באלעגערט דיא שטאט זאלקעווע. זייא האבען געוואלט צו טרעטען צוא דער שטאט, שטעלען לייטערס בייא דעם מויער אונ קלעטערין. דא האבען דיא שטאט לייט אויף זייא געשאסען זודיגע וואסער זיינען זייא אנטלאפען. דערצו האבען זייא נאך פון דיא מויערין געשאסען אויף זייא מיט ביקסען אונ האבען פון זייא זייער פיל געהרגעט. דא האבען זיך דיא גרעקין מישב געוועזען אונ האבען געזאגט עס איז אונז פיל גלייכער דאס מיר זאלין מיט דער שטאט דורך קומען, אזוי וויא מיר האבען געטאהן מיט דער שטאט לבוב. נון האבען זייא זייערע מענטשען אהין, געשיקט אין שטאט אריין, אונ האבען זייא געזאגט: איהר זייט ניט פיל בעסער פאר דער שטאט לבוב, וואס זיא האט אויך ניט געקאנט אנטקעגין אונז בייא שטיין אונ זיינען מיט אונז דורך געקומען. דרום ווילט איהר מיט אונז מאכען אפשרה איז רעכט, אונ ווען ניט וועלען מיר אייך זייער שטארק באלעגערין, אונ מיר וועלען אייך הרגנען מיט אלע מיתות משונות וויא מיר האבען געטאהן אין אנדערע שטעט. נון וואר דיא רייד געפעלין אין דיא אויגען פון דיא שטאט לייט, אונ האבען צו דיא גרעקין ארוים געשיקט איין כומר אונ איין שר אונ איין יהודי פון טשערניאוב. אונ זייא זיינען מיט דיא גרעקין דורך געקומען דאס זייא זאלין זייא געבען צוואנציג טויזענד גילדען, אונ זעקס

טויזענד

טויזענד גילדען דעם גענעראל פון חמעלניצקי וואס מען האט איהם גערופען גלאוועצקי. אונ אזויא האבען זייא אבגעצויגען פון דער שטאט. אונ האבען דארטין איבער געלאזין וויפיל טויזענד קאזאקין דאס זייא זאלין דיא שטאט היטען פון אנדערע קאזאקין דאס זייא זאלין ניט קומען איהר באלעגערין. אונ אזויא האבען זייא געטאהן מיט אלע פעסטע שטעט פון פוילין אונ פון קליין רוסלאנד וואס זייא האבען נאר באלעגערט.

והעיר החזקה אונ דיא שטארקע שטאט קאמעניץ פאדאלסק, אונ אין דיא שטעט יאלעוויץ ביסאטש קמארנע בעלז, אונ אין דיא שטאט סקאל האבען זיך אנטקעגין זייא געשטעלט אלע שרים אונ אלע יהודים וואס וואַרין דארטין, אונ האבען אויף דיא שונאים געשאסען מיט הארמאטין אונ האבען פון דיא שונאים געהרגת זייער פיל, אונ דיא גרעקין האבען זייא ניט געקענט איין נעמען. אונ אזויא האבען זייא ניט געקענט איין נעמען קיין פעסטונג. אונ האבען געמוזט פון דארטין אבציהען מיט גרוים חרפה. זייא האבען ניט געוואלט דורך קומען מיט זייא אפילו מיט אקליינקייט, עס וואר אבער דבר אונ רעב אין אלע דיזע שטעט, אונ עס זיינען אוים געשטארבען דער פון וויפיל טויזענד אונ וויפיל רבבות יהודים.

וק"ק פרעמיסלע אונ דיא שטאט פרעמיסלע וואר איינע זייער גרויסע שטאט פול מיט לומדים אונ סופרים. מען האט זיא אויך באלעגערט, מען האט איהר כמעט איין גענומען. אבער נאט ברוך הוא האט זיך איבער זייא מרחם געוועזן, עס איז צוא זייא אונטער געקומען איין שר וואס מען האט איהם גערופען קראנקי. ער האט בייא זיך געהאט זעקס הונדערט מאן זעלנער. אונ דער שר האט מציל געוועזן דיא שטאט מיט זיין חכמה. נאר ביז דעם טייך סאן האבען זייא חרוב געמאכט אלע שטעט אונ אלע דערפער מיט זייערע שווערד.

נגן

**נון וועלען מיר דער ציילען די גזירה פון די שטאט זאמושטש:**

פון נאוואראל האט דער צורר חמעלניצקי אוועק געצויגען מיט

זייא וואַרין אין דיא שטעט טאמישוב, טורבין, רובשוב, טארנינראד, בילגערייא, גורייא. אונ אין דער שטאט קראשניק האבען זייא אויס געהרגת וויפיל טויזענד אונ רבבות פון יהודים. אויך אין דער מדינה וואלין אין דער שטאט לובעמאלע, אונ אין לויצק, אין קרעמעניץ, אונ אין דיא ארומיגע שטעטלאך האבען זייא זייער פיל אויס געהרגת. אונ האבען אומגעבראכט וויפיל טויזענד יהודים. אין קרעמעניץ האט דער צורר גענומען א חלף פון שוחט אונ האט געקוילעט וויפיל הונדערט קינדער פון דיא יהודים, אונ האט געפרעגט דעם אנדערין צוא האט ער עס געמאכט טריף אדער כשר? אונ וויא ער האט איהם געזאגט דאס ער האט עס געמאכט טריף האט ער עס אוועק געווארפען פאר הינט. איין קינד האט ער געקוילעט אונ האט דעם שוחט געוויזען צו זיינען איבער געשניטען ביידע סימנים, אונ וויא מען האט איהם געזאגט יוא, האט ער איהם אויף געהאקט דיא ברישטעל אונ האט בודק געווען דיא ריאה וויא מען איז בודק איין ציגעלע, אונ האט איהם דער נאך געטראגען אין דיא גאסין אויף איין קרומפעליץ דאס הייסט איין שטיינגעל, וויא מען טראגט איין געקוילעטע קעלבעל, אונ האט געשריען ווער וויל קויפען ציגענע פלייש. גאט זאל זיך פאר זייער בלוט נוקם זיין. אויך האבען זייא אנגעיאגט וויפיל הונדערט וועגין פול מיט יהודים אונ האבען זייא אלע געהרגת. אונ אזעלכע מעשים וואַרין געשעהן אין כמה וכמה שטעט. מען קען עס ניט אויס שרייבען. זייא האבען חרוב געמאכט מעהר אלס זיבען הונדערט שטעט ביז דעם טייך וואס מען רופט איהם ווייסעל. אונ אזויא האבען זייא באלעגערט דיא שטאט זאמאשטש אלאנגע צייט אונ האבען איהר ניט געקענט איין נעמען דען עס וואַר איין גרויסער שר איין אשכנזי וואס מען האט איהם גערופען ווייאוד מיט זעקס טויזענד טייטשע זעלנער גרויסע העלדען אונ זייא האבען אויף זייא געשאסען פון דיא מויערין מיט ביקסען, אונ האבען געהרגת פון דיא גרעקין איין רב. עס וואר אבער

אין

אין שטאט איין גרויסער דבר און אגרויסער הונגער, און עס זיינען
אום געשטארבען וויפיל טויזענד יהודים. און עס וואר וויא דיא
באלעגערונג האט זייער לאנג געדויערט, האבען דיא שונאים געמאכט
מיט כישוף אברענענדיגען שלאנג אין דער לופטען, און האבען
ביא זיך געמאכט אסימן, וועט דער שלאנג זיך ווענדען צוא דער
שטאט וועלען זיא איהר איין נעמען, און ווען ער וועט זיך ווענדען
אנטקעגען זייא וועלען זייא דיא שטאט ניט קענען איין נעמען. און
עס וואר ארום האלבע נאכט האבען זייא געזעהען וויא דער שלאנג
איז ארויף אין דיא לופט, און איז געשטאנען אין דער הויך
אנטקעגען דער שטאט אהאלבע שטונדע, און דער נאך האט ער
אומגעקערט זיין פנים אנטקעגען דיא גרעקין און דיא טאטערין.
האבען זייא דאס שוין געהאלטען פאר איין סימן רע. און האבען
אריין געשיקט אין שטאט און האבען זייא געלאזט זאגען דאס עס
איז פאר זייא פיל גלייכער דורך צו קומען מיט זייא וויא דיא שטאט
לבוב, איידער אום צוא קומען פון הונגער.

ויהי כשמעו אנשי העיר הדבר הזה און עס וואר וויא דיא שטאט
לייט האבען עס דער הערט האבען זייא זיך זייער אנגעהאפט אן
דעם, און זיינען מיט דיא גרעקין דורך געקומען דאס זייא זאלען
זייא געבען ליין געלט צוואנציג טויזענד גילדען. און דער נאך זיינען
צו געגאנגען דיא טאטערין צום מויער פון שטאט און האבען גע-
בראכט זייער פיל געפאנגענע אום אום צו לייזען זייא, דא האבען
דיא יהודים פון שטאט אויס געלייזט זייער פיל געפאנגענע. גאט
ב"ה זאל זייא דער פאר גוטס באצאלען.

ויסע הגבור חמעלניצקי און דער גבור חמעלניצקי האט אבגעצויגען
מיט זיין חיל פון זאמושטש, און האט זיך געגעבען אקער אנטקעגען
לובלין, און זיא וואר איינע פון דיא פיר גרויסע שטעט אין דער
מדינה פוילין. און עס וואר איהר גלייכען ניט אין גאנץ פוילין אין
תורה און אין חכמה, אויך וואר זיא זייער גרויס אין גמילות חסדים.

דיא

דיא שְׁטָאט זִיט הָאבְּען פוּן איהר אבְּגֶעצוֹיגֶען הִינְטֶער דֶעם וַוייסֶעל, אוּנ הָאבְּען אַרִיבֶּער גֶעלָאזֶען דָארְטִין כַּמָּה מֵאוֹת בַּעֲלֵי בָּתִּים פוּן אָרֶעמֶע פָאלְק מִיט זֵייעֶר פִיל גֶעלְד אוּם צוּא מַאהן גְּמִילוּת חֲסָדִים מִיט דִיא אָרֶעמֶע לַייט, אוּנ בְּיוֹתֵר מִיט דִיא אַנְטְלָאפֶענֶע פוּן אַנְדֶרֶע שְׁטֶעט. אוּנ דֶער וַוייל הָאבֶּען זִיךְ גֶעקְלִיבֶען אַלֶע שָׂרִים אוּנ אַלֶע דוּכְּסִים פוּן פּוֹילִין קַיין קראקא וָואס זִיא וַואר דִיא הוֹיפְּט שְׁטָאט פוּן פּוֹילִין אוּם אוֹיף צוּ נֶעמֶען דָארְטִין אַיין מֶלֶךְ דָאס דִיא מְדִינָה זָאל נִיט זַיין וִויא אַיין שְׁטַאדֶע אָן אַהִירְט. עֶס הָאבֶּען זִיךְ דָארְטִין צוּ זַאמֶען גֶעקְלִיבְּען אַלֶע גְּרוֹיסֶע לַייט, אוּנ הָאבֶען נִיט גֶעקֶענְט מוּשְׁוֶה וָוערִין צְווִישֶׁען זִיךְ וֶוער עֶס זָאל דָא וֶוערִין בַּייא זֵייא אַיין מֶלֶךְ. אַיין טֵייל הָאבְּען גֶעוָואלְט דָאס עֶס זָאל וֶוערִין אַ מֶלֶךְ דֶער קַארְדִינַאל פוּן גְנִיזֶען וָואס מֶען הָאט אִיהם גֶערוּפֶען קאזימיר יר"ה. אוּנ אַיין אַנְדֶער טֵייל שָׂ־ים הָאבֶּען גֶעוָואלְט דָאס עֶס זָאל זַיין אַיין מֶלֶךְ זַיין בְּרוּדֶער קאראלוס, אוּנ ווידֶער אַנְדֶערֶע הָאבֶּען פַאר לַאנְגְט דָאס עֶס זָאל גָאר זַיין דֶער שַׂר פוּן זִיבֶען בֶּערְגֶען וָואס אִין אוּנְגַארִין וָואס מֶען הָאט אִיהם גֶערוּפֶען ראקאץ.

ויהי כשמוע הגבור חמעלניצקי אוּנ עֶס וַואר וִויא דֶער גִבּוֹר חמעלניצקי הָאט עֶס דֶער הֶערְט, הָאט עֶר גֶעשִׁיקְט זַיינֶע שְׁלוּחִים קַיין קראקֶע צוּא אַלֶע דוּכְּסִים אוּנ שָׂרִים וָואס וַוארִין דָארְטִין, אוּנ הָאט זֵייא גֶעלָאזְט זָאגֶען: וֶוען זֵייא וֶועלֶען מַאכִין בַּייא זִיךְ פַאר אַיין קֶענִיג דֶעם קַארְדִינַאל פוּן גניזען דָאס הֵייסְט דֶעם קאזימיר יר"ה, יְדֶענְסְטְמָאל וֶועט עֶר פוּן זֵייא אָבְּצִיהֶען, אוּנ וֶועט שׁוֹין מֶעהר נִיט שְׁטְרַייטֶען מִיט זֵייא. אוּנ דִיזֶעס אִיז הֶעכְּסְט גֶעפֶעלֶען דִיא דוּכְּסִים אוּנ דִיא שָׂרִים, אוּנ הָאבֶּען גֶעמַאכְט פַאר אַיין קֶענִיג דֶעם קאזימיר יר"ה, אוּנ עֶר וַואר דֶער צְווַייטֶער זוּן פוּן דֶעם קֶענִיג זיגמונד הנ"ל:

ויהי בשנת חמשת אלפים ת"ט אוּנ עֶס וַואר אִין חוֹדֶשׁ הֶשְׁוָן אִיז גֶעקְרֵיינְט גֶעוָוארֶען אוּנְזֶער הֶערְ דֶער קֶענִיג קאזימיר יר"ה. עֶר וַואר אַיין מֶלֶךְ וָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט שָׁלוֹם אוּנ אַיין אוֹהֵב יִשְׂרָאֵל, אוּנ

הָאט

האט גענומען פאר איין ווייב דיא פרויא פון זיין ברודער וולאדיסלאוו וואס איז געשטארבען.

ויהי כשבת המלך על כסא מלכותו אונ עס וואר וויא דער קעניג איז שוין געזעסען אויף זיין טראן, האט ער געשריבען בריף צוא דעם צורר המעלניצקי דאס ער זאל זיך מיט זיין חיל אומקערין אהיים, אונ וואס ער האט טענות צוא פוילין וועט ער שוין מיט איהם דורך קומען דאס ביידע צדדים זאלען צופרידען זיין. דער בריף פון פוילישען קעניג איז אנגעקומען דעם צורר בשעת ער וואר פיר מייל פון לובלין. ער האט דעם בריף מקבל געוועזן מיט גרוים שמחה אונ האט זיך אומגעקערט אין זיין לאנד. אונ דאס לאנד וואר רוהיג אגאנץ ווינטער. אונ באמת האט עס בודאי גורם געוועזן דער זכות פון דער שטאט לובלין, וואס זיא האט זייער גומל חסד געוועזן מיט דיא אנטלאפענע פון אלע שטעט. זייא האבען געטאהן חסד מיט לעבעדיגע אונ מיט טויטע, אונ זיינען דרום ניצול געווארען פון המעלניצקעס שווערד. אבער דאך וואר דארטין דיא גאנצע צייט וואס דיא גרעקין האבען איהר באלעגערט זעהער אגרויסער דבר, אונ עס זיינען אין איהר אומגעקומען מעהר אלס צעהען טויזענד נפשות יהודים

גם בין איתן היהודים אויך וואר איין גרויסער דבר אונטער דיא יודין וואס זיינען אנטלאפען אויף יענער זייט ווייסל, אין אלע ערטער וואו זייא האבען זיך נאר בעזעצט. זייא פלעגען זייערע מתים שטילערהייד בעגראבען אין פינסטערע נעכט דארטין אויף דיא בית עולמות, כדי דיא פיינד זאלען עס ניט זעהען אונ זאלען זיך ניט פרייען אויף זייער אומגליק, דיזער דבר וואר ניט וויא אלע דברים, עס וואר נאר איין היץ קריינק וואס זיא פלענט צוא קומען פון טרדת הדרך אונ פון שרעק. פיל אביונים וואס דיא אומות האבין זייא ניט געלאזט אריין גיין אין זייערע הייזער אונ זיינען געבליבען לגען אויף דיא גאסען זיינען אוים געשטארבען פון קעלט אונ פון

הונגער

הונגער. עס האט ניט געהאָלפען איינער דעם אנדערען, אפאטער האט ניט רחמנות געהאט אויף זיין קינד. עס זיינען אומגעקומען אין דיא קראנקהייט מעהר אלס הונדערט טויזענד נפשות. אונ דיא יהודים וואָרין אין דער צייט אָרים. זייא האבען פאר קויפט זייערע גילדערנע כלים אונ זילבערנע כלים פאר העלפט געלט, אונ זיידענע קליידער פאר אשליש מקח, אונ ספרים האט קיינער אין האנד ניט גענומען, אונ דיא תורה אין גאנצען איז זיך געלעגען אין יענער צייט נאר אין אווינקעל. דעו גאלד אונ זילבער האבען נאך אנדערע געקויפט, אבער ספרים האט קיינער ניט געקויפט.

ויהי כשמעו בני ישראל אונ עס וואר וויא דיא יהודים האבען דער הערט דאס דיא שונאים האבען זיך אומגעקערט אין זייער לאנד, אונ דיא שרים האבען זיך אויף אנגעהויבען אום צו קערין צו זייערע גיטער, דא האבען זייא זיך אויף אנגעהויבען אום צו קערען צוריק אין זייערע שטעט, וואו עס האבען זיך שוין באזעצט דיא שרים, אונ דאס וואר ביז זאסלאוו. אונ אין דער שטאט קארעץ וואָרין זייער פיל זעלנער פון דעם דוכוס דאמיניק, אונ פון דעם דוכוס קארעצקי איין ערך פון צוויא טויזענד מאן. דא האבען זיך דיא יהודים פאר זיכערט פריער אויף גאט ב"ה, אונ דער נאך אויף זייא, אונ האבען געזאגט דאס זייא וועלען שוין פרנסה האבען אונ וועלען זיך קענען גענערין מיט זייערע הויזגעזינד אונ דיא שטאט גוים וועלין זייא שוין באצאלען וואס עס קומט זייא, אונ עס וועט שוין זיין איין סדר אין דער מדינה.

## דא ווערט דערציילט דיא אנדערע גזירה פון אוסטרא:

דיא שטאט איין וואוינער פון אוסטרא האבען געמאכט איין גרויסען בעטרוג, זייא האבען זיך געמאכט אין אנפאנג זייער גוט מיט דיא יהודים אונ האבען געשריבען בריף אין אלע שטעט וואס

ארום אויסטרא דאס דיא יהודים זאלען זיך אום קערין אהיים קיין אויסטרא אונ זאלען ניט מורא האבען פאר דיא קאזאקין, דען דער קעניג האט געמאכט שלום מיט זייא. אונ דיא ארעמע יהודים האבען זיך דעריבער זייער געפרייט דען זייא האבען געמיינט אז עס איז אזויא אמת אונ זיינען צוריק אריין אין אויסטרא אין ערך פון דרייא הונדערט יהודים, אונ עס וואר אין דרייא וואכין ארום, דאס איז אכצעהן טעג אין אדר פון דעם יאהר ת"ט, האבען געשיקט דיא שטאט איין וואוינער פון אויסטרא צוא דיא קאזאקין וואס וואָרין ניט ווייט פון זייא דאס זייא זאלין קומען צוא זייא אין שטאט ווייל עס האבען זיך אום געקערט זייער פיל יהודים אונ שרים אונ זייא וועלין זייא זיין צוא הילף, אונ עס וואר אזויא, וויא ארום האלבע נאכט פון ניינצעהן טאג פון אדר זיינען אריין אין שטאט זייא פיל טויזענד קאזאקין אונ האבען אום געהרגת אלע יהודים אונ אלע שרים, עס האבען זיך געבאטעוועט מעהר ניט וויא דרייא יהודים אונ איין שר מיט אכצינ זעלנער, אונ דיא קאזאקין האבען זיך נאך געיאגט אונ דער שר מיט זיינע זעלנער זיינען געלאפען פאר זייא ביז ער האט זייא ארום ניבאוועט פון שטאט איינינע טויזענד גרעקין אונ דענסט מאל האט זיך דער שר מיט זיינע סאלדאטין אום גיקערט צוא דיא גרעקין וואס האבען זייא נאך געיאגט אונ האבען געהרגת פון זייא זייער פיל אונ נאר איין קליינע צאל האט זיך אומגיקערט צוריק אין שטאט.

ויהי כשמוע אונ עס וואר וויא עס האבען דאס דער הערט דיא יהודים אונ דיא שרים וואס וואָרין אין זאסלאוו אונ אין אנדערע שטעט וואס ארום אויסטרא איז זיינען אלע אנטלאפען אטייל קיין אליק אונ אטייל קיין קרעמניץ:

ויהי כשמוע המ"ך אונ עס וואר ווי דאס האט דר הערט דר קעניג קאזימיר אונ דיא שרים דאס דיא גרעקין זיינען נאך אלץ מורד אנטקעגין זייא, האט דער קעניג געמאכט דעם שר פירלי פאר איין

פעלדמארשאל

פעלדמארשאל, אונ האט מיט איהם געשיקט איין ערך פון דרייסיג
טויזענד מאן דאס ער זאל גיין מלחמה האלטען מיט דיא גרעקין.
נון איז דער פעלדמארשאל געקומען קיין אוסטרא אונ האט דארטין
גענומען גרויס נקמה פון דיא שטאט איינוואוינער. אונ פון דארט
איז ער אוועק קיין זאסלאוו, אונ האט אוים געשטעלט זיין לאגער
לעבין ביים אורט וואס וואר דארטין לעבין זאסלאוו ניט ווייט פון
פעסטונג אנטקעגין דיא גרעקין, אונ האט געטאהן גרויסע נקמות
אין דיא שטאט איינוואוינער פון זאסלאוו. עס האבען זיך צו איהם
מתחבר געוועזן וויפיל הונדערט ארעמע מענשען פון דיא יהודים
גרויסע העלדען. אונ זיינען אויך מיט איהם מיט געגאנגען זיך נוקם
צו זיין אין דיא גרעקין, אונ דער פעלדמארשאל האט געשיקט
פוילישע זעלנער, אונ אויך וויפיל הונדערט פון דיא יהודים, אין
אלע מקומות וואס וואהין ארום זאסלאוו וואס עס האבען דארטען
געוואוינט דיא גרעקין וואס האבען מורד געוועזן אונ האבען מיט זייא
מלחמה געהאלטען אונ האבען זייא זייער שטארק געשלאגען אין
אלע מקומות וואו זייא זיינען נאר געגאנגען האבען זייא זייער מצליח
געוועזן. אויך דער וואיעוואדע קאמינעצקי וואס וואר איין גרויסער
העלד, האט מיט זיך געהאט כמה אלפים גבורים אין דער שטאט
אזאוויץ ניין מייל פון זאסלאוו, האט ער אויך זייער שטארק געשלאגין
דיא גרעקין אין איין אנדער קאנט, אונ דיא פאלאקין האבען געהאט
גרויס הצלחה כל זמן זייא זיינען געשטאנען אין לאגער לעבין זאסלאוו.
זייא האבען זיך דארטין פערזאמט צוועלף וואכין אונ האבען געטאן
גרויסע נקמות אין דיא גרעקין. מען האט זיך מיט זייא בעגאנגען
וויא זייא מיט דיא שרים אונ יהודים.

ווילך שר הצבא פירלי אונ דער פעלדמארשאל פירלי איז געגאנגען
מיט זיין גאנצען חיל פון זאסלאוו אום צו פעראייניגען זיך מיט דעם
וואיעוואד קאמינעצקי. אונ ביי צהינסק האבען זיך זייערע חילות
פעראייניגט אונ האבען דארטין געמאכט אגרויסען לאגער. אונ עס

וואר

זואר וויא דער הכזעלניצקי האט דער הערט דאס דיא פוילין האבען חרב געמאכט כמה מקומות פון דיא גרעקין אונ גייען נאך דערצו אויף איהם מלחמה האלטין, האט ער זיך גאר געמאכט שווייגענדיג גאנצע דבריא חדשים אונ דער ווילע האט ער אויף געקליבען זיין גאנצען חיל אונ האט געשיקט צוא דעם קעניג פון דיא טאטערין דאס ער זאל אויך קומען מיט זיין חיל.

ויהי כאשר שמע שר הצבא פירלי אונ עס וואר וויא עס האט דאס דער הערט דער פעלדמארשאל פירלי, דאס דיא גרעקין מיט דיא טאטערין קלייבען זיך צוזאמען שוין דעם דריטען מאל, האט ער געשריבען אבריף צוא דעם פוילישען מלכות דאס ער זאל באפעלין איבער דיא גאנצע פוילישע מדינה דאס אלע שרים זאלען קומען העלפען איהרע ברידער אין שטרייט. דא האט דער קעניג געלאזט אויסרופען אין דער גאנצער מדינה דאס ווער עס איז נאר אשר אונ איז איין געשריבען אין שלאכעצטווא, דער מוז קומען צום שטרייט אדער ער זאל שיקען זיינעם אקנעכט אנשטאט איהם, אונ ווען ניט זאל ער פאר לירען זיינע שלאכעצטווא. דיא שרים אבער האבען זיך פאר זאמט איידער זייא האבען זיך צו געקליבען מיט זייערע קאראטען וויא זייער סדר איז, אונ דיא טאטערין מיט דיא גרעקין האבען זיך צוזאמען געקליבען זייער געשווינד זייער פיל וויא זאמד אויף דעם ברעג פון ים. אונ אז דיא גרעקין זיינען אונטער געקומען געהענטער צוא דיא מחנה פון פוילין, האבען דיא פאלאקין אבגעצויגען זעקס מייל ביז בורמושט, אונ דארטין איז צוא זייא אונטער געקומען פון לבוב דער דוכוס ווישנעוועצקי, אונ דער הארנזי וואס ער וואר זיין שוואגער, אונ מיט זייא ווארין כמה אלפים גבורים. אונ זייא האבען געמאכט זייער לאגער צוא רעכט אין דער שבאט זבאראש, אונ האבען איהר זייער גוט בעפעסטיגט אונ האבען געמאכט ארום שאנצין.

ויהי בר"ח אב ת"ט לפ"ק אונ עס וואר אום ר"ח אב אין דעם יאהר ת"ט

ת״ט, איז געקומען דער צורר האן דער קעניג פון דיא טאטערין, אונ מיט איהם ווארין אגרויס פאלק אונ האבען באלעגערט דעם פוילישען לאגער רונד ארום. אבער דאך פון וויטען, וויל דיא פאלאקין האבען אויף זייא געשאסען פון דיא מויערין זייער וויט מיט הארמאטען אונ האבען זייער פיל פון זייא ממית געוועזן. עס האבען זייא דיא טאטערין באלעגערט זיבען וואכען דאס זייער פיל פיל שרים זיינען אום געקומען פון הונגער, דער פעלדמארשאל פירלי איז זעלבסט געשטארבען, נאר דער דוכוס ווישנעוועצקי האט זייער געשטארקט זיין פאלק מיט תחבולות. ער האט געמאכט פאלשע בריף דאס דער קעניג שרייבט צוא איהם דאס ער וועט זעלבסט צוא איהם אונטער קומען מיט גרויס חיל, אונ באמת וואר עס דורך אויס שקר. עס האט זיך ניט געוויזען ניט איין מענטש, אונ ווען ניט דיזע תחבולה וואלטין זיך דיא פוילישע חיל שוין לאנג איבער געגעבען אין דיא הענד פון דיא קאזאקין וועגין דעם גרויסען הונגער וואס עס וואר אין זייער לאגער. זייא האבען געמוזט עסין אויס גרויס נויט דיא פלייש פון געפייגערטע פערד אונ הינט. אפטער פלעגט דיזער ווישנעוועצקי מאכען אגרויסין גראבען אונטער דער ערד, אונ פלעגט דורך איהם ארויס צוא גיין מיט זיין חיל אונ פלעגט איבער פאלין דיא שונאים אונ פון זייא ממית געוועזן כמה אלפים ורבבות, וויל זייא האבען זיך גאר ניט געריכט אויף דיא פאלאקין, אונ דער דוכוס ווישנעוועצקי פלעגט צוא גיין פאראויס, אונ דאס האט געמאכט דאס דיא פאלאקין זיינען בייא זיך תקיף געווארען, אונ האבען באקומען גרויס מוטה אונ גבורה.

ויהי כשמוע המלך קאזימיר אונ וויא עס האט דער הערט דער קעניג קאזימיר, דאס דער פוילישער לאגער איז ארום גענומען פון דיא טאטערין אונ פון דיא גרעקין, אונ זייא לייזין דארטין הונגער, איז ער אליין געגאנגען בכבודו ובעצמו אין דער מלחמה. ער האט מיט זיך געפירט אחיל פון צוואנציג טויזענד מאן גרויסע גבורים,

אונ

אונ אַלֶע שָׂרִים פון פוילין האָבֶּען זיך אַנגֶעהויבֶּען איין צו זאַמְלֶען צוא איהם. עֶר האָט אָבֶּער אויף זייא שוין ניט גֶעוואַרְט, אונ איז גֶעגאַנגֶען מיט זיינֶע צְוואַנְצִיג טויזֶענְד מאַן צוא הֶעלְפֶען זיין פָאלְק וואס וואַרין דאָרְטִין זייעֶר גֶעדְרִיקְט, אונ עֶס וואר ווייא עֶר איז גֶעקוּמֶען ניט ווייט פון דֶעם טאַטֶערְשִׁין אונ גְרֶעקֶעשִׁין לאַגֶער, האָבֶּען איהם אַרום גֶענוּמֶען כַּמָה הונדֶערְט טויזֶענְד גְרֶעקִין אונ טאַטֶערִין אונ אַזוֹיא אויך זיינֶעם גאַנְצֶען חַיִל. נון האָט זיך דֶער קֶענִיג מיט זיין גאַנְצֶע מַחֲנֶה זייעֶר דֶער שְׁרָאקֶען, אונ עֶס האָט זיך קֵיינֶער ניט גֶעוואַגְט דֶעם שְׁוֶוערְד אַרוֹיס צוא נֶעמֶען פון שֵׁייד, דאָ איז גֶעוואָרֶען דֶער קֶענִיג זייעֶר צאַ־נִיג אויף זיין חַיִל, דֶען עֶס האָט שוין גאַנְץ נאָהֶענְט גֶעהאַלְטֶען דאס זייא זאָלֶען בְּלֵייבֶּען גֶע-פאַנגֶען. דאָ האָט דֶער קֶענִיג גֶעזאָגְט צוא זיינֶעם פָאלְק, ווייא איך זֶעהֶע איין, האָבֶּען מיר שוין קֵיין אַנְדֶער בְּרֵירָה ניט ווייא נָאר צוא אַנְטְלוֹיפֶען אין דֶער שְׁטָאט זאבאראוו, דֶען זיא איז פון אונז זייעֶר נאָהֶענְט. נון איז עֶר מיט זיין חַיִל אַריין אין דיזֶער שְׁטָאט אונ האָט פון דאָרְטִין מִלְחָמָה גֶעהאַלְטֶען מיט דיא גְרֶעקִין אונ מיט דיא טאַטֶערִין אַפָּאר טֶעג, אונ דֶער ווייל האָט דֶער קֶענִיג גֶעשִׁיקְט דֶעם שַׂר אוסלינסקי זיין מִינִיסְטֶער צוא דֶעם טאַטֶערְשִׁין קֶענִיג צוא מאַכֶען שָׁלוֹם מיט איהם. אונ דאַן וֶועט שוין חמעלניצקי ימ״ש אויך זיין גֶענוֹיט צוא מאַכֶען מיט איהם שָׁלוֹם. אונ עֶס איז גֶעוואָרֶען שָׁלוֹם. דֶער צוֹרֵר האָן דֶער קֶענִיג פון דיא טאַטֶערִין איז גֶעקוּמֶען מיט כַּמָה מֵאוֹת טאַטֶערִין צוא רֵיידֶען זֶעלְבְּסְט מיט דֶעם פּוילִישֶׁען קֶענִיג, אונ האָט מיט איהם אָפְּגֶעמאַכְט דאס דֶער קֶענִיג זאָל איהם מְשׁוּנֶה זיין צְוֵוייא מאָל הונדֶערְט טויזֶענְד גִילְדֶען, פאַר דֶעם וואס דֶער קֶענִיג האָט איהם אַיין גֶעדְרֵייט זיין מַס וואס עֶר האָט איהם צוא גֶעזאָגְט צוא גֶעבֶּען אַלֶע יאָהר. אונ אויך בִּתְנַאי דאס מֶען זאָל דיא צְוֵוייא פֶעלְדְמאַרְשאַלֶען אויך אוים לֵייזִין פאַר הונדֶערְט טויזֶענְד גִילְדֶען. אונ ווייל זייא האָבֶּען ניט גֶעהאַט קֵיין מְזוּמָן האָט מֶען

איהם

איהם געלאזען פאר אמשכון גרויסע שרים, ביז מען וועט איהם אפשיקען דיא געלט.

ויהי כאשר שבע חמעלניצקי און עס וואר וויא דער חמעלניצקי ימ"ש האט דער הערט דאס דיא טאטערין האבען שוין געמאכט שלום מיט דעם פוילישען קעניג, האט ער זיך זייער געפירכטעט, און איז געקומען צום קעניג און האט זיך איהם געווארפען צוא דיא פים און האט זייער געוויינט, און האט זיך געבעטען און האט געזאגט אז אלע דיזע צרות האבען דיא ש"ים אליין אנגעמאכט. ער האט דארטין געשפראכען מיט דעם קעניג כמה ענינים וואס זיינען ניט נתגלה געווארען צוא קיין מענטשין. דער קעניג אבער האט זיך געהאלטען צוא גרוים מיט איהם אליין צוא ריידין. ער האט מיט איהם גערעט נאר דורך אטאלמאץ, און איז מיט איהם אזויא ווייט דורך געקומען דאס חמעלניצקי זאל דער ווייליגע מיט זיין חיל אב ציהען אהייב, און דער נאך וועט ער צו איהם שיקען פינף גרויסע שרים וואס מען רופט זייא אין פויליש מיט דעם נאמען קאמישארען, און זייא וועלען שוין מיט איהם אפ מאכין וויא עס זאל בלייבען אויף ווייטער מיט דיא קאזאקין, דער חמעלניצקי האט פאר לאנגט דאס דרייסיג טויזענד קאזאקין זאלען בלייבען אויף אימער פרייא פון אלע מסים אין דער וועלט וויא עס וואר נאר פריהער. און דיזע דרייסיג טויזענד מאן זאלען האבען דיא פרייהייט אוים צוא קלייבען זיך איין ארט צוא וואוינען וואו עס וועט זייא נאר געפעלען, צוא אונטער דיא ממשלה פון קעניג אדער אונטער דיא ממשלה פון שרים. און דיא שטאט טשאהרין מיט איהר גאנצער סביבה זאל איהם געהערין לדורי דורות. אויך זאל ער אדער איין אנדער קאזאק זיין איינער פון דיא זיבין וואיעוואדעס וואס זיינען דא אין פוילין, און זאל זיצין אלע מאל מיט דעם קעניג בייא יעדער אסיפה. אויך זאל דער מלך גוזר זיין דאס קיין אידין זאלען ניט וואוינען אין יענע ערטער וואו קאזאקין פון דיא דרייסיג טויזענד פרייע וועלען וואוינען

אונ נָאךְ זֵייעֶר פִיל תְּנָאִים וָואס זַייא וַוארִין גַאנְץ אוּמְמֶעגְלִיךְ. גָענוּג דֶער קֶענִיג הָאט אִיהם דֶער וַוייְלֶע מַדְחֶה גֶעוֶועזֶן דָאס עֶר זָאל צִיהֶען נָאךְ הויזֶע, אונ עֶר וֶועט שׁוֹין דָאס אַלְץ אָפּ מַאכֶען דוּרְךְ זַיינֶע פִינְף שָׂרִים.

וַיְהִי אחרי הדברים האלה נָאךְ אַלֶע דִיזֶע גֶעשִׁיכְטֶען, הָאבֶּען זִיךְ דִיא טָאטָערִין אוּמְגֶעקֶערְט נָאךְ זֵייעֶר לַאנְד, אונ גֵייעֶנְדִיג צוּרִיק הָאבֶּען זַייא גֶעטָאהן גְרויסֶע נְקָמוֹת אָן דִיא וָואס הָאבֶּען גֶעוואוֹינְט אִין דִיא שְׁטֶעט אונ אִין דִיא דֶערְפֶער וָואס הָאבֶּען מוֹרֵד גֶעוֶועזֶן אָן פּוֹילִישֶׁען מַלְכוּת. אַנְדֶערֶע זָאגֶען דָאס דֶער קֶענִיג הָאט זַייא גֶעגֶעבֶּען רְשׁוּת דָאס זַייא זָאלֶען חָרֵב מַאכֶען אַלֶע דִיזֶע מְקוֹמוֹת וואו עֶס הָאבֶּען נָאר גֶעוואוֹינְט דִיא מוֹרְדִים, זַייא הָאבֶּען פַאר בְּרֶענְט דִיא שְׁטָאט אוסטרא מִיט אִיהרֶע אַלֶע סְבִיבוֹת. דִיא שְׁטָאט באזיליאה מִיט אַלֶע אִיהרֶע גֶעגֶענְדֶען, אונ אַזוֹיא דִיא שְׁטָאט שאטינאוו בִּיז קאמעניץ פאדאלסק, אונ דָאס הָאט פֶערְנוּמֶען אַיין עֶרֶךְ פוּן צְוַואנְצִיג מַייל דִיא בְּרֵייט, אונ צְוַואנְצִיג מַייל דִיא לֵיינְג. זַייא הָאבֶּען עֶס אַלְץ פַאר וִוישְׁטֶעט אונ פַאר בְּרֶענְט. אונ אַ טֵייל פוּן דִיא גְרֶעקִין וָואס וַוארִין דָארְטִין כֵּמֵית גֶעוֶועזֶן אונ כַּמָּה רְבָבוֹת הָאבֶּען זַייא פוּן זַייא גֶעפַאנְגֶען גֶענוּמֶען. זַייא הָאבֶּען פוּן זַייא נִיט אִיבֶּער גֶעלָאזֶען נָאר מֶעהר נִיט יֶענֶע וָואס הָאבֶּען זִיךְ בֶּעהַאלְטֶען אִין דִיא זוּמְפֶּען אונ אִין דִיא וֶועלְדֶער. אונ גָאט הָאט פוּן זַייא אָפּ גֶענוּמֶען גֶענוּג נְקָמָה פַאר דִיא אִידִין. אונ זַייא אַלֵיין הָאבֶּען אויף זִיךְ מַצְדִיק גֶעוֶועזֶן דֶעם דִין. אונ דָאס לַאנְד אִיז גֶעבְּלִיבֶּען רוּהִיג פוּן מִלְחָמָה דֶעם גַאנְצִין יאהר ת"י אונ אַזוֹיא אויךְ דֶעם יָאהר תי"א בִּיז פֶּסַח.

וַיְהִי אחרי חג הסוכות אונ עֶס וַואר נָאךְ סוּכּוֹת הָאבֶּען זִיךְ אוּמְגֶעקֶערְט דִיא שָׂרִים צוּרִיק אִין זֵייעֶרֶע מְקוֹמוֹת, אונ אַזוֹיא אויךְ דִיא אִיבֶּער גֶעבְּלִיבֶּענֶע יְהוּדִים. זַייא וַוארִין אָבֶּער זֵייעֶר פַאר אָרֶעמְט אונ בְּדַלּוּת אונ הָאבֶּען קַיין רוּהֶע גֶעפוּנֶען, דֶען עֶס וַואר דָארְטִין גְרויס יֹקֶר אונ עֶס וַואר גָאר קַיין פַּרְנָסָה. אונ זֶעלְבְּסְט דִיא גְרֶעקִין זַיינֶען

אוים געשטארבען אלפים ורבבות פון הונגער. אונ דער הונגער וואר ניט צוליב דעם ווייל עס וואר קיין ברויט, ניין עס וואר ברויט גענוג אין דער מדינה. עס וואר איין הונגער נאר איבער דעם וואס קיין מטבע וואר אין לאנד. דיא קאזאקען אונ דיא טאטערין האבען ביא זייא אויס געראובט דיא געלט, אונ דיא רייכע גרעקין זיינען אנטלאפין אויף יענער זייט דנעפער צו דיא קאזאקען, ווייל זייא האבען מורא געהאט פאר דיא שרים דאס זייא זאלען זיך אן זייא ניט נוקם זיין. אנדערע ווידער האבען בעגראבען זייער געלט אין דער ערד, אונ האבען זיך אויס געוויזען פאר גרויסע עניים, כדי דיא שרים זאלען עס ביא זייא ניט אוועק נעמען. אונ דיא אידין האצבי זייא ווארין דאן גרויסע אביונים האבען זייא אויס גענעהען ביא דעם המון עם אונ ביא דיא שרים פאר גרויסע עשירים, אונ יעדער האט פון זייא פאר לאנגט גרויסע מסים דער קעניג אונ דיא שרים, אונ ווייל זייא האבען ניט געהאט מזומנים, האבען זייא געמוזט געבען איין מעשר פון אלע זאכען וואס עס איז נאך ביא זייא געבליבען, אונ האבען עס אליין פאר קויפט פאר האלב געלט. אונ נאך ווארין ווידער אנדערע הוצאות, דהיינו רעקרוטאוע אונ נאך אזעלכע אפ גאבין. דער דלות וואר גרעסער פון טאג צו טאג, אונ דיא הצטרכות וואר גאר אן אשיעור. אונ דאך ווארין דיא יודין צופרידען, אונ האבען געדאנקט דעם באשעפער דאס עס איז געווארען שלום אין דער מדינה, אונ אין דיא ערטער וואו דיא קאזאקען אבער האבען גע-וואוינט וואר גרויס פרנסה אונ גרויס געשעפט, ווייל זייא ווארין אלע גרויסע עשירים פון דיא פיל רויב וואס זייא האבען אן געראבעוועט פון דיא יודין אונ פון דיא שרים. עס האט אבער ניט געטארט דארטין וואוינען קיין יהודי אונ קיין שר, אונ אויך אהין ניט קומען ביז עס איז געווארען דער פשר. זייא האבען געוואוינט נאר ביז דר שטאט פיילוויטש, אונ אין פיילוויטש גופא האבען זייא אויך ניט געטארט וואוינען. אונ דיא קאזאקען האבען דאמאלסט פערנומען

אשטח

אשטה פון הונדערט מייל גאנץ קליין רוסיא, אזוי וויא אין דער לייניג און אזויא אויך אין דער ברייט. זייא האבען עס געהאלטען פאר איין משכון ביז עס וועלען דיא ש״ים מיט זייא מאכען איין פשר, וויא מיר האבען שוין דא פריהער געשריבען.

בימים ההם אין דיזער צייט האט ארויס געגעבען דער קעניג איין אוקאז אין זיינע אלע מדינות, דאס יעדער איד וואס האט ממיר דתו געוועזען מחמת אונס מעג זיך אומקערין צוריק צוא זיין דת. און עס האבען זיך דאהער זייער פיל מענטשין וואס האבען זיך ממיר געוועזען מחמת פחד אומגעקערט צו זייער פאריגין גלויבען און זיינען געווארען יהודים, און האבען זיך באזעצט אין זייערע פריערדיגע ערטער וואו זייא האבען געוואוינט בשעת זייא ווארין יהודים, און האבען געהאלטען זייער דת בפרהסיא אין אלע מקומות וואו נאר יודען וואוינען. און אין דיא מקומות פון דיא קאזאקין וואס יהודים האבען דארטין דער ווייל ניט געטארט וואוינען וויא מיר האבען עס שוין פריער געשריבען זיינען דיא יהודים צוא לאפין פון דארטין און האבען אוועק געווארפען דיא ווייבער וואס זייא האבען גענומען פון דיא קאזאקין, און זיינען געקומען אין דיא מקומות וואו יהודים וואוינען און זיינען געווארען ווידער יהודים. און דיא קליינע קינדער וואס זיינען געבליבען יתומים אין אלע מקומות וואס עס וואר דארטין דיא הריגות, און דיא גוים האבען זייא צו זיך גענומען און האבען זייא ממיר געוועזען, האבען זייא איצונד דיא יהודים אפ גענומען מיט געוואלד, און האבען אויף געהאנגען אויף זייערע העלזער קליינע קמיעות, אין וועלכע עס וואר געשריבען פון וועלכע משפחות זייא זיינען, כדי עס זאל ניט גענומען ווערען אברודער צוא אשוועסטער. פיל ווייבער זיינען געבליבען עגונות, אויך אזויא נאר כמה וכמה אלמנות זיינען געבליבען עגונות ווייל זייערע מאנען זיינען נהרג געווארען אן קינדער. און מען האט ניט געוואוסט וואו זייא זיינען אהין געקומען זייערע ברידער דאס זייא זאלען קענען נעמען פון זייא

הליצה

חֲלִיצָה, אוּנ דִיא רַבָּנִים הָאבֶּען גֶעמַאכְט פוּן זֵייעֶרְט וֶועגֶען גְרוֹיסֶע תַּקָנוֹת. אוֹיךְ הָאבֶּען דִיא רַבָּנִים מְתַקֵן גֶעוֶועזֶען אַיין תַּעֲנִית צִבּוּר פַאר דִיא גַאנְצֶע מְדִינָה פוּן פּוֹילִין בְּיוֹם כ׳ סִיוָן לְדוֹרֵי דוֹרוֹת, דָאס אִיז דֶער טָאג וָואס עֶס אִיז אִין אִיהם גֶעשֶׁעהֶען דִיא הֲרֵיגָה פוּן דֶער שְׁטָאט נעמִראוו. אוּנ זִיא וַואר דִיא עֶרְשְׁטֶע שְׁטָאט וָואס זַיינֶען אוּמְגֶעקוּמֶען אוֹיף קִדוּשׁ הַשֵׁם. זֵייעֶר זְכוּת זָאל אוּנְז בֵּיישְׁטֵיין, אוּנ גָאט זָאל זִיךְ נוֹקֵם זַיין פַאר זֵייעֶרֶע דָמִים, אָמֵן.

וַיְהִי אחרי הדברים האלה אוּנ עֶס וַואר נָאךְ אַלֶע דִיזֶעס הָאט דֶער קֶענִיג זֵייעֶר גְרוֹיס גֶעמַאכְט דֶעם דוּכּוּס ווישנעוועצקי אוּנ הָאט אִיהם גֶעמַאכְט פַאר אַיין פֶעלְדְמַארְשַׁאל אִיבֶּער גַאנְץ פּוֹילִין. דִיזֶער שַׂר הָאט עֶס אָבֶּער נִיט גֶעוָואלְט אָן נֶעמֶען בִּיז עֶר זָאל אִיהם דִיזֶע גְדוּלָה אַוֶועק גֶעבֶּען בִּיז זַיין לֶעבֶּען, אוּנ וֶוען עֶס וֶועלֶען זִיךְ אֲפִילוּ אוּמְקֶערֶן יֶענֶע צְוֵויא פֶעלְדְמַארְשַׁאלֶען וָואס זַיינֶען גֶעפַאנְגֶען בַּייא דִיא טָאטָערְן זָאל עֶר אוֹיךְ בְּלֵייבֶּען בַּייא דֶעם זֶעלְבֶּען צִין. אוּנ דַאן וָועט עֶר עֶרְשְׁט גֵיין מִיט דִיא גַאנְצֶע פּוֹילִישֶׁע חַיִל אוֹיף יֶענֶער זַייט דְנֶעפֶּער אוּנ וָועט אַיין נֶעמֶען דִיא קָאזַאקִין מִיט גָאטֶעס הִילְף, אוּנ דַאן וָועט זִיךְ יֶעדֶער אוּמְקֶערִין אַהֵיים.

וַיְהִי כשמוע הצורר חמעלניצקי אוּנ עֶס נואר וִויא דֶער צוֹרֵר חמעל-ניצקי הָאט עֶס דֶער הֶערְט הָאט עֶר פַּחַד גֶעהַאט דָאס דֶער קֶענִיג זָאל נִיט מְרוּצֶה וֶוערִין צוּ דִיזֶען שַׂר ווישנעוועצקי, אוּנ דָאס גַאנְצֶע פָאלְק וֶועלִין מִיט אִיהם מִיט גֵיין אַנְטְקֶעגִין אִיהם. דַאהֶער הָאט עֶר גֶעשִׁיקְט צוּא דֶעם מֶלֶךְ פוּן דִיא טָאטֶערִין דָאס עֶר זָאל אַרוֹיס לָאזִין דִיא צְוֵויא פֶעלְדְמַארְשַׁאלֶען פוּן פּוֹילִין וָואס זִיצִין בַּייא אִיהם גֶע-פַאנְגֶען, אוּנ עֶר וָועט אִיהם שׁוֹין בַּאצָאלֶען דִיא לֵייז גֶעלְט וָואס זֵיי זַיינֶען אִיהם נָאךְ שׁוּלְדִיג. עֶר הָאט עֶס נִיט גֶעטָאהן אוֹיס לִיבֶּע צוּ דִיזֶע צְוֵויא פֶעלְדְמַארְשַׁאלֶען. עֶר הָאט עֶס נָאר גֶעטָאהן אוֹיס גְרוֹיס שִׂנְאָה צוּ דֶעם גֶענֶעבַאל ווישנעוועצקי דָאס עֶר זָאל נִיט וֶוערִין אַיין פֶעלְדְמַארְשַׁאל. אוּנ אַזוֹיא הָאט דֶער טָאטֶערְשֶׁער קֶענִיג אַרוֹיס גֶע-לָאזְען דִיא צְוֵויא שָׂרִים, אֵיינֶעם הָאט מֶען גֶערוּפֶען פאטאצקי, אוּנ

דעם

דעם אנדערין קאלינאפסקי . עס האט זיך דאריבער דער פוילישער קעניג אונ דיא שרים זייער שטארק געוואונדערט . דען זייא האבען ניט געוואוסט דיא אורזאכע וואס עס האט געקענט באוועגין דעם מלך פון דיא טאטערין ארויס צוא לאזין פרייא דיא צווייא שרים . אונ דער קעניג האט זייא געמאכט איבער אנייז פאר פעלדמארשאלין וויא פריער .

בימים ההם אין יענער צייט איז דער צורר המעלניצקי ימ"ש מיט זיין גאנץ חיל ארויף אויף דאס לאנד וואליהייא , אונ האט זייא גאנץ פערוויסט , ווייל זייא האבען דארטין בייא זיך באהאלטין כמה שרים אונ יהודים . אונ ווייל דיא וואליהייער האבען אוועק גענומען בייא דיא טאטערין כמה וכמה שבוים אונ האבען זייא בעפרייט . אונ אז דיא גרעקין האבען זיך צוריק געקערט פון דארטין , האבען זייא מיט זיך געבראכט זייער פיל רויב אונ האבען עס פערקויפט דיא יודען , דען זייא ווארין דאך שוין גוט פריינד מיט זייא אונ האבען ניט איינעם פון זייא מזיק געוועזן .

בימים ההם אין דיזער צייט האט געשיקט דער קעניג פון פוילין גרויסע אונ פארנעהמע שרים קאמישארין צוא מאכען אפשרה מיט דיא קאזאקין . זייא האבען אבער מיט זייא ניט געקענט דורך קומען דען זייא האבען פון פוילין פאר לאנגט זייער פיל זאכין וואס זייא ווארין נגד דעם רצון פון מלך אונ פון דיא שרים . אונ דאהער האט זיך דיא זאך פערצויגין ביז פסח פון דעם יאהר ת"א .

ויהי קודם חג הפסח אונ עס וואר פאר פסח האבען זיך צוזאמען געקליבען דיא גרעקין אונ דיא טאטערין דעם פערטין מאל , אונ האבען ממית געוועזן כמה מאות יהודים אונ כמה מאות האבען זייא אוועק געשלעפט אין געפאנגשאפט . אונ דיא איבעריגע זיינען צו לאפין ביז דיא הויפט שטאט לבוב . נון איז געגאנגען דער פוילישער קעניג זעלבסט אנטקעגין דיא שונאים אום צוא האלטין מלחמה מיט זייא , ער האט מיט זיך געהאט אגרויסע מחנה . דרייא מאל הונדערט

טויזענד פאלאקין, אכציג טויזענד אשכנזים, פראנצויזין אונ שפא-נאלין, אונ טויזענד מאן יהודים גרויסע העלדין. אונ נאך דרייא מאל הונדערט טויזענד פאלאקין האבען זיך אפ געשטעלט לעבין לובלין, ווייל עס האט ניט געקענט זיין דיא גאנצע מחנה אין איין ארט כדי עס זאל ניט ווערין דורך דעם אהונגער. זינט פוילין איז געווארען אפאלק וואר נאך קיין מאל אזויא אגרויסע מחנה געווען ביא זאמען וויא אין יענער צייט. אונ דיא גרעקין אונ דיא טאטערין ווארין אויך זייער פיל וויא זאמד אונ ערד גאר אן אצאל.

ויערוך המלך מערכה גדולה אונ דער קעניג פון פוילין האט געמאכט אגרויסען לאגער לעבין דער שטאט סאקאל אונ איז אליין איין געשטאנען דארטען אין אקלויסטער אונ דער לאגער האט זיך געצויגען ביז דיא שטאט בערעסטיצקע, אונ עס ווארין מיט זייא ריא צווייא פעלד מארשאלין וואס האבין זיך אום גיקערט פון דיא טאטערין אונ אויך דער דוכוס ווישנעוויצקי, עס זיינען אבער דיא טאטערין אונ דיא גרעקין ארוים אנטקעגין דיא פוילין, גאנץ אומ-געריכט מיט גרוים לארעם אונ מיט משונענע קולות אונ האבען געמיינט איבער צופאלען איבער זייא אונ צוא שלאגין זייא וויא אלע מאל, אונ זייא האבען ניט געוואוסט דאס נאט איז שוין ניט מיט זייא נאר מיט דיא פוילין, אין אנפאנג האבען זייא אפילו געשלאגען דיא פאלאקין דער נאך אבער האבען זיך דיא פאלאקין זייער געשטארקט אונ דיא טייצען האבען זייא אונטער געהאלפען, אונ האבען דיא טאטערין זייער שטארק געשלאגען ביז דער קעניג פון דיא טאטערין איז אנטלאפען מיט גאנץ ווייניג פאלק, אונ האט אויך גענומען געפאנגען דעם צורר חמעלנעצקי ימ״ש, דען ער וואר אויף איהם זייער צארניג פאר וואס ער האט איהם גינארט אונ האט איהם ניט מודיע געווען דאס דער פוילישער קיניג האט אזויא פיל חיל, אונ דורך דעם האט ער געמוזט אנטלויפין מיט גרוים בושה, אונ האט אויך פאר לארין זיין גאנצען פאלק, אויך זיינען אלע זיינע

גרוסע

גרויסע שרים געפאנגען געווארען פון דיא פוילין, אונטער זייא וואר אויך זיין ברודערס זון, אונ דיא גאנצע מחנה קאזאקין ווארען זייער שטארק באלעגערט פון דיא פוילין כמה טעג, דאהער האבען זייא געמוזט אנטלויפען ביים נאכט, אונ האבען אוועק געווארפען זייערע געצעלטען זייערע פערד אונ וועגין וואס ווארין פול מיט אלעם גוטין, אונ האבען געראטעוועט קוים זייער לעבען. אונ דער פוילישער קעניג יר״ה האט זיך אומגיקערט אהיים מיט גרוים שמחה מיט זיינע שרים אונ מיט זיינע קנעכט י״ז מנחם אב ת״יא, אונ דער קיניג פון דיא טאטערין האט געשריבען בריף צוא דעם קעניג פון פוילין באם ער וועט אפשיקען זיין ברודערס זון וועט ער איהם מוסר זיין דעם צורר חמעלניצקע, וואס ער וואר דענסטמאל ביי איהם געפאנגען, אויך וועט ער איהם דער פאר אפשיקען פיער טויזענד פוילישע שרים וואס ווארין ביי איהם געפאנגען, דער קעניג פון פוילין האט עס אבער ניט געוואלט אונ האט דעם טאטערשין קעניג אפגעשריבען מיט גאוה דאס ער זאל זיך דעם חמעלניצקי ביא זיך האלטען, ביז ער וועט איהם זעלבסט אפנעמען פון זיין שטוב, דאס איז געזאגט דאס ער וועט ציהען אין זיין לאנד מיט איהם דארטען מלחמה האלטען, אונ דער ווייל האט דער פוילישער קעניג געשיקט זיינע צווייא פעלד מארשאלין מיט דעם דוכוס ווישנוועצקי מיט הונדערט פופציג טויזענד חיל, איין צוא נעמען דיא גרעקעשע שטעט וואס זיינען קליין רוסיא אונ דער נאך זאלען זייא ציהען אנטקעגין דיא טאטערין. אונ אזויא האבען זייא טאקע געטאהן אונ האבען איין גענומען דיא וויסטע שטעט ביסלאך ווייס.

בעת ההיא אין דיא דאזיגע צייט איז געשטארבען דער גרויסער העלד ווישנעוועצקי דורך דיא קנאה פון דיא איבעריגע שרים, אונ וויא דער מלך פון דיא טאטערין האט דאס דער הערט, האט ער גענומען ביא דעם חמעלניצקע פדיון אכצען מאל הונדערט טויזענד גילדין אונ האט איהם לויז געלאזען, כדי ער זאל מיט

איהם

איהם צוזאמען שפייטען אנטקעגען דיא צווייא נייע מארשאלקעס פון פוילין וואס דער קעניג האט זייא געשיקט קעגען איהם, זייא האבען ביידע צוזאמען געקליבען איין גרויסע מאכט אונ האבען זיך אנגעהויבען צו שלאגין קעגען דיא פאלאקין, אין דעם יאהר ת״ב באלד נאך סוכות, אונ עס האט דיא מלחמות געדויערט פיל יאהרען זעלבסט אפילו נאך דעם ווי דער חמעלניצקי איז אפ-געשטאנען פון דיא טאטערין אונ איז צו געשטאנען מיט זיינע קאזאקין צו דעם רושען קעניג (דעם סוף פון דעם חמעלניצקע איז אונז ניט באקאנט). דער נצחון האט זיך אלץ אומגעדרייט דאס צו דיא פאלאקין, דאס צו דיא טאטערין. אונ דער ווייל האבען דיא יהודים זייער פיל געליטען פון ביידע צדדים. ביז דיא טאטערין זיינען געווארען אונטער געדריקט דורך דעם פעלד מארשאל מיניך, וואס ער האט אן זייא אין גאנצען געטאהן גרויסע נקמות. אונ דער נאך האט דיא קייזערין קאטערינע דיא צווייטע גאר עוקר געווען זייער שעדליכע מלוכה, אונ האט זייער מדינה קרים ארונטער גענומען אונטער רוסישע ממשלה. אונ אזוי אויך ליטא אונ פוילין. אונ פון יענער צייט אן לעבין מיר אונטער רוסישע רעגירונג פרידליך אונ רוהיג. אונ בפרט נאך אונטער דיא ממשלה פון אונזער קיזר של חסד ניקאלאי השני יר״ה, וואס פאר גלייכט אונז כמעט אין אלע ענינים פון דער מדינה צו זיינע אייגענע רוסין. מיר ווייסען שוין ניט מעהר אין זיינע צייטען פון קיינע באדריקונג. מיר ווערין פון איהם געשיצט אונ געהיט. מיר האבען שוין ניט מורא צו האבען פאר גזילות אונ רציחות. רעכט אונ ריכט איז זעלבסט אין שטעט אונ אין וואלד. אונ אונזער אמונה ווערט געעהרט אונ געשעצט. גאט ברוך הוא זאל איהם נאך מאריך ימים זיין אויף זיין מלוכה דאס ער זאל קענען מוציא לאור זיין דיא טובות אונ דיא חסדים וואס ער מיינט נאך צו טאהן מיט זיין מדינה אונ מיט אונז יהודים אויך, אמן.